וקראת לשבת עונג

בעזהשי"ת

# גליונות

# לכבוד שבת קודש

## דברי תורה ~ סיפורי צדיקים

## וענינים שונים

**פרשת קדושים תשע"ט**





# גליונות לכבוד שבת

צי אראפ נעמען די גליון גייט צי
https://gilyonesforshabbes.wixsite.com/gilyones
אדער שיקט אן אימעיל צי
gilyonesforshabbes@gmail.com

© כל הזכויות שמורות

# גליון שלהבת

שלהבת
SHALHEVES

מיסודם של הרה"ג ר' שמשון פינקוס זצ"ל
והרה"ג ר' עזריאל טויבער זצ"ל

# אִם בַּאֲרָזִים נָפְלָה שַׁלְהֶבֶת

## מחשבה קאפיטלען

**עס** לאזט זיך נישט גלויבן, אבער דאס איז דערווירקליכקייט.

**מיר** האלטן קוים עטליכע טאג פונעם געהויבענעם יו"ט פסח העעל"ט, דער זמן חרותינו, ווען כלל ישראל איז מיט טויזנטער יארן צוריק ארויס פון מצרים. היי יאר זענען מיר נאכאמאל ארויס פון מצרים. מיר זענען אויף דער פריי, אבער טאקע אויף דער פריי זענען מיר פארלוירן.

**יעצט** ווען מיר האבן זיך קוים ארויסדערזען פון אונזער גאנץ יעריגער עבודות, מיר האבן קוים גענעדיגט פראווען אזא לעכטיגע יום טוב, זענען מיר אבער גענצליך פארלוירן.

**דער** דמות פונעם אדם גדול בענקים, דער גאון וחסיד מפורסם, מיט זיין לעכטיגער מונטערער צורה, מיט זיינע שטראלנדע אויגן שטייט ער פאר אונזערע פייכטע אויגן. זיין רייכע שפראך, זיין קלארע מחשבה גאנג קלינגט אין אונזערע אויערן ווען מיר האבן נאך א טאג איידער דער פטירה געהאט די אויסנאמליכע זכיה צו פארברענגען מיט להבחלחט"א דעם גרויסן איד און געקלערט צוזאמען איבער ווייטגרייכנדע פלענער אויף דער צוקונפט.

**מיר** שטייען נאך דעם סדר-נאכט, ווען מיר אלע מיט אונזערע קינדער-געבענטשטע פאמיליעס און רייך געדעקטע טישן האבן אויסגעזינגען די הגדה און מקיים געווען דעם והגדת לבנך.

**רבי** עזריאל זיצט בעולם הבא בגן עדן, ואתו עמו זיין לאנגיעריגער שותף למלאכת הקודש רבי שמשון דוד פינקוס זכרונו לברכה, זיי זיצן און דערציילן די הגדה, זייערע אומשאצבארע פעולות לטובהה זעצן פאר ווייטער בעלמא דקשוט.

**עס** איז קיין ספק אז די שרפי מעלה, די צדיקי עליון נעמען זיך צוזאם און באטייליגן זיך ביים סעמינאר וואס ווערט אפגעראכטן אין גן עדן, אינעם עולם העליון, אינעם ארט וועלכער איז ווייט ווייט פונעם נווה התלאות, אין א מקום שולה ומנוחה, שם ינוחו יגיעי כח.

**אבער** מיר, דא אינעם עולם המעשה, האבן נישט ווען צו פרעגן דעם 'מה נשתנה' און זיכער נישט ווען צו פרעגן דעם 'למה נשתנה'.

**וכאן** הבן שואל. אבער ווער וועט אונז ענטפערן אויף אונזערע פראגעס, קושיות און ספיקות?

**ווער** קען דען ערזעצן אזא איד וואס מוחו פתוח לרווחה אין יעדע מקצוע אין תורה, השקפה און יהדות?

**ווער** וועט זיין דער ווייטערדיגער שליח פונעם בורא יתברך צו לייזן אונזערע

פארזעצונג אויף זייט 2 <<<

קול שלהבת
KOL SHALHEVES

צו הערן פארשידענע שמועסן און שיעורים, אין די נושאים פון:
חינוך | אמונה | השקפה
און נאך פילע טעמע'ס
אידיש, לשוה"ק, ענגליש

קול שלהבת
929.222.9900

ארץ ישראל
03-6171103
073-295110

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, שיקט אן אימעיל צו:

אין אידיש
e.shalhevesyiddish@gmail.com

אין לשה"ק
e.shalhevet@gmail.com

אין ענגליש
e.shalhevesenglish@gmail.com

## מחשבה קאפיטלען

קוועטשעניש און אונז אויסלייזן פון אונזער געפענגעניש און פראבלעמען?

**דער** אריגינעלער מקור, דער מצית השלהבת, דער וואס איז געשטאנען העכער פלאם און געגאסן בענזין און טייערע ברענשטאף איז נישטא, הלך לעולמו הזך ואותנו עזב לאנחות.

**ווער** קען דען ערזעצן אט דעם איד וועלכער האט געלעבט יעדן ריר מיט א לויטערקייט און קלארקייט.

**מי יתננו ירחי קדם**, בהילו נרו עלי ראשי, ווען מיר זענען געזעסן ביינאזאם שעות, טעג און שבתים און גערעדט דברי תורה וואס בנחת נשמעים, די יסודות הדת וואס זענען אזוי קריטיש פאר'ן דור און פאר יעדן אינדיווידועל בפרט.

**עס** איז קיין ספק אז אן ערגענץ צו אט אזא פערזאן איז נישטא און שווער צו גלייבן אז עס וועט נאך בכלל זיין.

**וואו** קען מען דען אפירטרעפן א שריד לדור דעה, א מלחמה איבערלעבער וועלכער איז געשטאנען ביז זיינע לעצטע טעג עלי אדמות און אונז אויפגעקלערט אז דער ביטערער קריג איז יא געווען אונזער טובה, אז עס איז זיכער יא געקומען פון גאטס ליבשאפט צו זיין פאלק ישראל.

**וואו** קען מען דען אפירטרעפן א איד וועלכער האט זיך עטליכע יארן געראנגלט מיט די ביטערע מחלה ל"ע און בשארית כוחותיו אויסגעשריגן ברבים מיט א שטאלץ: די לעצטע פופציג יאר בין איך געווען א נאה דורש און יעצט בין איך א נאה מקיים.

**וואו** קען מען דען אפירטרעפן א איד וואס אין די פארנומענסטע צייטן האט ער זיך מקריב געווען און ארויסגעהאלפן אידן אין אלע ענינים, מקדיש געווען שעות, טעג, חדשים און זאגאר יארן של על מנת לקבל פרס, אלעס, נאר נענטער צו ברענגען אידן צום בורא עולם.

**וואו** קען מען דען אפירטרעפן א איד וואס ביז זיינע לעצטע טעג לא נס ליחו, זיין פרישקייט האט געלאכטן און געשטראלט, און מיט זיין שמייכל האט ער אזויפיל געטון און משתוקק געווען צו העלפן אנדערע.

**וואו** קען מען דען אפירטרעפן א איד אינעם לעצטן דור צוויי וואס זאל מיט אזא קלארקייט ארויסגעבן צענדליגער פענאמענאלע בענדער וועלכע האבן אויפגעלאכטן דער וועלט, און איז גאר פארוואנדלט געווארן אלס פראמינענטער טייל פונעם קוריקולום אין בתי חינוך איבער דער וועלט? און טויזנטער שיעורים זענען געזאגט געווארן אין עטליכע שפראכן מיט א לשון לימודים יארן לאנג בקביעות נאכאנאנד.

**עס** פעלט נישט אויס אז מיר זאלן דאס מאשר זיין און באשטעטיגן, נישט נאר ווייל הודאת בעל דין כמאה עדים, נאר וויבאלד מיר האבן דאך דאס אלעס פערזענליך מיטגעהאלטן און מיטגעלעבט.

**עס** לאזט זיך נישט פארגעסן די קריסטאל-קלארע השקפה און אויסגעארבעטע מח פון דעם איד.

**יעדע** זאך, ממש אלעס, מיט אזא אויסנאמליכע בהירות און פשטות. גארנישט איז נישט שווער געווען ווייל אויב יא איז דאס גלייך פארענטפערט געווארן אזש מען האט זיך דערנאך זעלבסט איבערצייגט אז קושיא מעיקרא ליתא.

■■■

**מיט** אזא פעלזן פעסטער זיכערקייט האט ער גע'דרשנ'ט איבער דעם מענטש און זיין תכלית.

**אלעס** איז געווען ביי אים בלויז תכלית. זיין התנהגות איז געווען תכלית, זיינע שמועסן מיט די ארומיגע איז געווען איבער תכלית און אפגערעדט אז זיינע אומצאליגע דרשות און שיעורים וואס זענען געזאגט געווארן אין די טויזנטער אין לויף פון די לעצטע נאנט צו פופציג יאר איז בלויז תכלית.

"'**לא** אמות כי אחיה', פארוואס? ווייל 'ואספר מעשה קה". דאס זענען געווען די ווערטער וואס מיר פלעגן הערן אן אויפהער אין די לעצטערע יארן. דאס איז דער תכלית, תפקיד, ציל און מטרה.

**פארוואס** איז דאס געווען זיין חיות? פארוואס זענען זיינע קאלומס דא צווישן די שפאלטנס אין מאמענט געווען זיין לעבהאפט, ווייל ער האט געשטראלט פאר שמחה ווען ער האט געהאט די זכיה אריינצוברענגען בהירות פאר אנדערע, ווען ער האט זיי קלארגעמאכט דעם תכלית אויף דער וועלט.

■■■

**רבי** עזריאל איז אפשר נישט געווען דער גרויסער עלעקטריזירער און ער איז די זעלבע נישט געווען דער גרויסער אינספירירער. ער האט זיך נישט צופיל פארגעגרייט בעפאר זיינע רעדעס, קיינמאל האט ער פארמאגט צעטלען און ספרים ביי זיינע רעדעס, נישט דערצו האט ער געשטרעבט. ער האט איבערגעגעבן בהירות! אונזער תכלית! אלעס אנדערש אין דער זייט געלייגט.

■■■

**האמת יאמר**, מחמת עומקן של הדברים האט נישט יעדער באמת פארשטאנען, וואס זאגט ער, וואס וויל ער.

**יעדע** זאך וואס איז ארויס פון זיין מויל, האט אנטהאלטן א געוואלדיגער עמקות, צו וואס נישט יעדער איז געווען ביכולת צו דערגיין און פארשטיין. פון יעדער זאך וואלט מען געקענט מאכן א באזונדערער קאפיטל אין די ספרי פרקי מחשבה.

**עס** לאזט זיך זאגן אז פיל וואס זענען געזעסן ביי זיינע שיעורים האבן געקענט קלערן אז זיי פארשטייען, 'עס איז דאך אזוי זיס', אזויפיל זאכן זענען מיר פארענטפערט און קלאר געווארן'. אבער דער אמת איז, אז דאס הייבט זיך נישט אן.

**כדי** צו כאפן דעם פארטל, כדי צו וויסן וואס דער מענטש וויל און ארויסהאבן זין טיפן, אויסגעארבעטן, גלארערייכן מהלך, האט זיך געפאדערט די אויבנדערמאנטע: זוכן בהירות, זוכן תכלית.

**סתם** קומען הערן א קרישקע, ווערן אינספירירט, אלעס פיין און וואויל, אבער דער תכלית? דאס נישט.

**ווער** עס איז געקומען און זיך באטייליגט ביי א שבת שלהבת אלס אן אויספלוג אדער אלס גשמיות'דיגער אונטערהאלטונג, דער האט דעם מהלך נישט געכאפט און דער מטרה איז ביי אים נישט געווארן

פארזעצונג אויף זייט 3 <<<

## מחשבה קאפיטלען

אויסגעפירט. עס איז פשוט אוממעגליך.

**צו פארשטיין וואס דער איד וויל**, וואס זיין מהלך איז און ווי אזוי מיר קענען לעבן דערמיט, איז בלויז ווען דער מטרה פונעם מקשיב, דער מקבל איז געווען קלאר צו ווערן אין זיין תפקיד אויף דער וועלט.

▪▪▪

**עס** דערמאנט זיך אן עפיזאד.

**געווען** איז ביי איינס פון די פאראנגאנגענע "שלהבת שבתים" וואס איז אפגעראכטן געווארן אין אייראפע, ווען יבלחט"א מיר האבן געהאט די זכיה מיטצורייזן מיט כבוד הרב און שטיין דארטן לימינו.

**אויפן** וועג אהיים, במוצאי מנוחה, האבן מיר זיך מיטגעכאפט מיט איינס פון די משתתפים ביים שבת. מיר האבן פארפיגט א שמועס, און בתוך הדברים האבן מיר געהערט: נישטא וואס צו רעדן, גאנץ א פיינער וואקאציע איז דאס געווען, פיינע עסנווארג איז געווען צוגעשטעלט, די צימערן זענען געווען אויפן העכסטן סטאנדארט, די אטמאספערע איז מורא'דיג געווען, און טאקע אויך די דרשות זענען געווען צום באגייסטערט ווערן, ער האט אונז ממש אינספירירט.

**נאכן** הערן די אט די ווערטער, און איבערגייענדיג עטליכע יסודות וואס זענען דערמאנט געווארן אין לויף פונעם שבת, האבן מיר קענענגעלערנט אז צופיל האט דער איד נישט זוכה געווען צו פארשטיין, און זאגאר די מינימום איז ער נישט דערגאנגען.

**רבי** עזריאל איז אויסדריקליך נישט געווען דער וואס האט געזוכט צו באגייסטערן, אינספירירן און עלעקטריזירן.

**אידן** צאלן געלטער צו קומען און מיטהאלטן א שבת וכדומה, דעריבער איז מען געצוואונגען צו געניסן, דער מח דער זאגט אז מען האט הנאה און עס איז גאר זיס געווען. אבער צו האבן באמת פארשטאנען און דערגאנגען וואס דא קומט פאר, וואס וויל הרב טויבער, וואס עקבערט אים, אויף וואס שפענדט ער געלט, אויף וואס לאזט ער זיך אזוי פאר'חובות'ן? דערפאר מוז מען האבן דעם זעלבן רצון און תשוקה וואס פעלט אויס אז דער מטרה זאל אויסגעפירט ווערן, נעמליך, ווען דער מטרה און תכלית


> „צו פארשטיין וואס דער איד וויל, וואס זיין מהלך איז און ווי אזוי מיר קענען לעבן דערמיט, איז בלויז ווען דער מטרה פונעם מקשיב, דער מקבל, איז געווען קלאר צו ווערן אין זיין תפקיד אויף דער וועלט.“


פונעם מקבל איז אנדערש ווי דער מטרה פונעם משפיע, דעמאלט איז אוממעגליך אז דער מקבל זאל הנאה האבן פון וואס דער משפיע וויל אז מיר זאלן הנאה האבן.

▪▪▪

**נישט געווען קיין פראגע וואס מ'זאל פון אים פרעגן** און עס זאל נישט פארענטפערט ווערן. פארוואס? ווייבאלד אלע פראגעס וואס זענען נוגע אין עבודת ה' איז לגבי דער תכלית, דערפאר איז דער תירוץ אויף אלע פראגעס כמעט די זעלבע.

**מען** האט געקענט זיצן ביי דעם איד שעות על גבי שעות, שיסן פראגעס פון אלע ריכטונגען, דער ענטפער האט אבער קיינמאל געשפעטיגט צו קומען, און נאך מיט א פעסטקייט, אפגערעדט וואס אלע דעבאטעס און פירכות זענען געווען "וועלקאם".

**אויף** ווען דער אויפגעקלערטער אטעאיסט איז געקומען און געפרעגט פראגעס אויף זיין גאנצע גלויבן, האט רבי עזריאל קיינמאל געפרעגט ווער דאס איז, מיט ווער רעדט איך, ווייל: וואס איז דאס נוגע צום תכלית?

**אפגעזען** ווער עס האט געפרעגט, פלעגט ער ענטפערן מיט א שמחה, ווייל ווי אויבנדערמאנט, ער האט זיך געפרייט ווען ער טוט יענעם נענטער ברענגען צום שורש, צו דביקות בה' און צום תכלית.

**במדה** מרובה איז דאס געווען אין די לעצטע צוואנציג יאר, ווען ער האט איינגעזען אז דער היימישער ציבור ווארט אויף קירוב, און עס פעלט זיך פאר זיי פונקט אזוי אויס שיעורים, סעמינארן אין די יסודות הדת.

**דעמאלט** האט זיך אנגעהויבן א פרישער עפאכע.

**פון** קירוב רחוקים איז געווארן קירוב קרובים.

▪▪▪

**געווען** איז אמאל נאך א 'שבת שלהבת' אין ארה"ק איז ער געקומען דעם אנדערן וואך קיין חו"ל אפרעכטן א שבת ברוב עם. אין יענעם זמאנטאג וואס ער איז אנגעקומען האט ער געליטן פון הויכע פיבער, און א טאג דערויף איז א שטארקער 'רויז' ארויסגעקומען, און ער האט זיכער געמאכט אז די מארגנים פונעם שבת זאלן בשו"א זיך נישט דערוויסן דערפון, ווייל אויב יא וועלן זיי אפשיקן דעם שבת.

**זיין** פאמיליע האט אים דאן יא זייער געבעטן ער זאל יא אפשטופן דעם שבת אויף אן אנדערן געלעגנהייט, אבער ער האט בשום אופן דאס נישט געוואלט.

**געווען** דעמאלט איינע פון די קינדער וועלכער האט זיכער געמאכט אז ער וועט מיטקומען און זארגן אז דער פאטער זאל זיך נישט צופיל ארומדרייען אויף די פיס, און ער האט טאקע מיטגעברענגט א ספעציעלער כמו ראד-שטול מיט וואס מען וועט אים פירן פון איין ארט צום אנדערן.

**למעשה**, פרייטאג קומט רבי עזריאל אן אינעם האטעל, און קוים וואס ער באוועגט זיך, איך גיי צו צו אים און ער זאגט מיר אז ער

פארזעצונג אויף זייט 6 >>>

# ”להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו”!

# וצדיק באמונתו יחיה

לאמיר זאָגן: יישר כח אויבערשטער!

”וצדיק באמונתו יחיה”. אט דער פסוק איז געווען 'מרגלא בפומיה פון מו”ר הגאון רבי עזריאל זצוק”ל'. צענדליגער און מעגליך הונדערטער מאל האבן מיר געהערט דעם פסוק פון זיין מויל. זיין לעבן איז געווען איין גרויסער יסוד פון אמונה. צדיק באמונתו יחיה.

אין אט דעם מאמר וועלן מיר זיך נישט פארטיפן איבער די גרויסארטיגע און אומבאשרייבליכע פעולות פון דעם אדם גדול בענקים וועלכער האט אריינגעברענגט אזויפיל אמונה אין די הערצער און מוחות פון אזויפיל אינעם לעצטן דור. נאר, מיר וועלן זיך קאנצענטרירן איבער איין ספעציעלער נקודה אין עניני אמונה וואס ער פלעגט אלץ איבער'חזר'ן און לערנען.

פאראן אסאך אין אונזער דור וועלכע רעדן איבער אמונה, איבער השגחה פרטית, און די זעלבע איז פאראן פולע וועלכע טוען גאר איבערצייגן 'אמונה' און טוען דערציילן איבער אמונה.

אבער, ממשנתו של רבי עזריאל למדנו, אז ניין, נישט דאס איז דער עיקר אמונה, נישט דאס איז דער באדייט פון ”צדיק באמונתו יחיה”. עס זענען נישטא קיינע הבטחות, ישועות און סגולות וועלכע שטייען אונז אינדערזייט און ווארטן, ער פלעגט כמעט קיינמאל נישט רעדן איבער נסים און נפלאות וואס צוליב דעם וואס יענער האט אזוי און אזוי געטון און געלעבט מיט אמונה, דערפאר האט ער זוכה געווען צו א ישועה.

דאס איז טאקע אמת און ריכטיג, אז דער וועלכער לעבט מיט אמונה איז זוכה צו ישועות, אבער דער עיקר וואס ער האט אונז איבערגעגעבן אינעם ענין פון אמונה, איז, ווי אזוי ער האט מקבל געווען דעם 'מתנת היסורים', דער אומשאצבארער און וואונדערליכער מתנה פון 'יסורים' פונעם אויבערשטן, און נישט מהרהר געווען נאכן אויבערשטן, ער האט מיט א רואיגקייט און מנוחת הנפש מקבל געווען דעם גזירת ה', און געזאגט: רבונו של עולם! יישר כח! איך פארשטיי און איך ווייס אז דו האסט מיר ליב, און דו האסט מיר געגעבן דעם פעקל, נאר לטובתי, פאר מיין אייגענעם טובה, אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, דו ווילסט זען ווי אזוי 'איך' בין דיר 'מקבל', און ווי אזוי 'איך' בין דיר ממליך, איך לייג ארויף דעם כתר מלכות על ראש המלך. כתר יתנו לך ה' אלוקינו.

לויט זיין אויסגעטראטענער מהלך, איז דער באדייט פון די ווערטער ”צדיק באמונתו יחיה”: איך גלייב אינעם אויבערשטן און איך פארלאז זיך אויף אים, אז אלעס וואס פאסירט איז לטובה, און דאס איז וואס ברענגט אונז אויף ווייטער אז מיר זאלן לעבן מיט א פארזיכערקייט און רואיגקייט אינעם אויבערשטן.

ווי פריער דערמאנט (אין 'מחשבה קאפיטלען'), זענען געווען עטליכע באגריפן וואס דאס פלעגט ער אלעמאל חזר'ן און דערמיט זענען אלע פראגעס פארענטפערט געווארן.

אין אלע זמנים איז דער הויפטזעכליכער שפיץ געווען 'אמונה'. אום ראש השנה ווען מיר זאגן מלכיות איז דאס קבלת עול מלכות שמים און התבטלות צום רצון ה'. יום הכיפורים טוען מיר תשובה אויפדעם וואס מיר האבן געלעבט דעם יאר מיט'ן ריכטיגן התבטלות צום רצון ה'. סוכות איז דאך דער 'צילא דמהימנותא'. און אפגערעדט אז פסח איז דאך דער יו”ט אין וועלכע ער פלעגט אזויפיל רעדן אין עניני אמונה; יציאת מצרים, ארויסנעמען דעם באהאלטענעם מצרי פון אונז וועלכער שרייט דעם 'מי ה' אשר אשמע בקולו', יציאת מצרים, דורכברעכן די גרעניצן (מצרים) וועלכע לאזן אונז נישט נענטער ווערן צום אויבערשטן.

און אין די טעג פון ספירת העומר, איז דער הויכפונקט, און דער הויפט לקח און מוסר, דאס אז רבי עקיבא און זיינע תלמידים זענען מקבל יסורים באהבה, 'מתי יבוא פסוק זה לידי ואקיימנו'. און אין יו”ט שבועות, קבלת התורה איז דער זמן וואס די עליונים און תחתונים האבן איינגעזען אז דער בורא כל עולמים איז דער איינציגסטער אויף דער וועלט און אויסגעשריגן דעם 'אין עוד מלבדו'.

דאס התבטלות און איבערגעגעבנקייט פאר'ן אויבערשטן, דאס איז געווען דער הויכפונקט פון אלע זיינע שמועסן, דאס איז געווען דער סלאגאן וועלכע ער פלעגט אויסרופן איבער דער גארער וועלט וואו אהין ער איז נאר אנגעקומען:

### ”להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו”!

און אט דאס האט משפיע געווען אויף אלפים ורבבות מישראל וועלכע האבן זיך געווארעמט לאורו הבהיר און נהנה געווען פון אים בעצה ותושיה.

ווער דארף דען עדות זאגן אויף דאס וואס מיר פלעגן אלע זען, ווי ער פלעגט רעדן מיט מענטשן, זיי עפענען די אויגן, אריינפיטערן ליכטיגקייט, און געשאנקן א גענצליך פרישן בליק אין לעבן, וואס דאס האט זיי ארויסגענומען פון זייער ביטערער לאגע און שוואכע מצבים, זיי געשטארקט און דערהויבן.

ליגט א איד אין שפיטאל רח”ל, קוים וואס ער לעבט, ער ראנגלט זיך אין ביטערע יסורים, און כבוד הרב האלט דאס מיט, ער קרעכצט מיט, און קלאגט צוזאמען, אבער, פלוצלינג צינדט ער אן דעם ערשטן פונק, ער גיט א שריי אויס: זאג א יישר כח!

דער איד האט זיך שוין ליידער כמעט צוגעוואוינט צו זיין ביטערן מצב, ער זעט נישט קיין שטראלן פון האפענונג, ער זעט ווי דער וועלט גייט אים אונטער, אבער ווי א בליץ אין א פארוואלקנטן טאג הערט ער: זאג א יישר כח! דאנק דעם באשעפער! דאנק אים

פארזעצונג אויף זייט 5 >>>

<<< פארזעצונג פון זייט 4

אויפדעם וואס ער האט דיר געשאנקן אזא טייערן 'פעקל'.

אט דער עלעקטראנישער שאק זאגט פאר דעם קראנקן איד: ניין, איר זענט נישט אין א ביטערן מצב! איר זענט נישט קיין 'נעבעך'... דו האסט באקומען אן אומשאצבארע מתנה פונעם אויבערשטן, ער האט בוחר געווען אין דיר, דו געפינסט דיר שוין אויפן שפיץ לייטער, ממש נאנט צו כביכול, האלטסט שוין אט אט ביים שפיץ פונעם לייטער. געב א יישר כח פאר'ן אויבערשטן.

דער ערשטע זאך איז, פארשטיי אז דו ביסט נישט א צעקלאפטער. ביסט א "בעל תפקיד", און נישט סתם א תפקיד טוסטו פארמאגן, נאר גאר א ספעציעלער תפקיד, וואס קיינער אין דער וועלט האט נישט די מעגליכקייטן דאס אויסצופירן, אנשטאט ווערן צעבראכן, נעם דיין לעבן מיט אן אחריות און לעבעדיגקייט! לעב דעם אמונה מיט אן אמת!

אט די ווערטער פלעגן ראטעווען די לעבנס פון מענטשן, דאס פלעגט זיי מחזק זיין און מעודד זיין.

"אבער וואס טוט מען יעצט"? פלעגט זיין דער קומענדיגער פראגע.

-וואס עס ליגט יעצט אויף דיר צו טון? צום ערשט זאלסטו דאס מקבל זיין באהבה, ווי אויך, לאז אז דער אויבערשטער זאל דיר פירן, זיי דיר מבטל צו אלעס וואס ער ברענגט פאר דיר אין דיין לעבן.

אט די אויבנדערמאנטע רייד, זענען ווי באוואוסט נישט געווען בלויז 'דאמירן בעלמא'. נאר, דאס זענען ווערטער וועלכע טוען סימבאליזירן דעם פערזענליכקייט. און ווי מיר האבן געהערט פון די קינדער שיחיו: ווען דער טאטע האט געערדט פונעם "ותשחק ליום אחרון", איז דאס געווען מיט אזא געוואלדיגער רואיגקייט, כאילו מען גרייט זיך יעצט פשוט צו אריבערגיין אן אנדערן דירה... מען גייט זיך פשוט אוועקציען פון דעם שטעטל צו יענעם שטעטל... אנע פאניק... אנע פארכט און ציטער, מיט אזא געוואלדיגע רואיגקייט, מנוחה און שלוות הנפש.

וחיי עולם נטע בתוכינו.

געווען א שטיקל טעמע וואו ער זאל זיין דער "מנוחת כבוד" נאך די הונדערט און צוואנציג. פון איין זייט איז דאך וואו באוואוסט די מעלה פון 'קברי אבות', צו ליגן נעבן די עלטערן, אבער פון די צווייטע זייט איז דאך איבריג ארויסצוברענגען די מעלות פון נטמן ווערן אין ארה"ק.

אבער, רבי עזריאל פלעגט כדרכו מיט א רואיגקייט זאגן: מיין גאנצן לעבן האב איך געגעבן פאר'ן בורא עולם, ער זאל מיר פירן, און אויך אין דעם ענין וועט ער מיר פירן, דארט וואו איך וועל נסתלק ווערן דארט וועל איך באערדיגט ווערן, און ער איז טאקע נפטר און באערדיגט געווארן דאהי אין חוץ לארץ.

"אלץ אננעמען דעם מצב אין וועלכע מען געפינט זיך". דאס איז געווען איינס פון די הויפט באגריפן ביי כבוד הרב. אין עניני תפלה, פלעגט ער זאגן, אונזער דאווענען דארף קומען פון "אננעמען דעם מצב אין וועלכע מיר געפינען זיך" מיט א שמחה, מיר דארפן זיין פארזיכטיג אז אונזערע תפלות זאלן נישט זיין ווי מיר רעדן זיך חלילה אפ אויפן הנהגה פאר'ן אויבערשטן. נאר, דער יסוד פון דאווענען איז, סומך זיין גאולה לתפלה, בעפאר איך שטעל זיך דאווענען און בעטן צום אויבערשטן, בין איך מסכים מיט מיין גאנצן הארץ, אז אלעס וואס איך האב מיטגעלעבט ביז יעצט, אלעס וואס איז פאריבער אויף מיר ביז יעצט, איז געווען א גאולה און א ישועה, עס איז געווען גוט און פיין, נאר, וויבאלד דו האסט געבעטן אז מיר זאלן פאר דיר דאווענען בין איך מקיים דיין רצון און איך האב חלילה אויף דיר קיין טענות.

אט דער אויסגעשמועסטער אמונה איז א רעאליסטישער און א פאקטישער, ער האט געקוקט מיט'ן אפענע אויגן אויפן מציאות און זיך נישט באהאלטן דערפון, נאר ער האט ווירקליך געלעבט דעם ווירקליכקייט מיטן פעלזן פעסטן און גלארייכער אמונה.

איבריג צו זאגן וויפיל מענטשן אט דער אמונה האט אויפגעלאכטן און געברענגט אז אויך נאך גאר שווערע און אומערווארטעטע געשעענישן, זאלן זיי אננעמען דעם רצון ה' מיט'ן גאנצן התבטלות.

עס דערציילט אונז א איד: א קרוב אין מיין פאמילע האט געברויכט אריבערגיין א קאמפליצירטער אפעראציע, ער איז געווען שטארק צעמישט און צעשטורעמט, איז ער צוגעגאנגען צו כבוד הרב מיט ווענמען ער פלעגט זיך אפט אויסשמועסן, און כבוד הרב האט מיט אים דורכגעשמועסט זיין מצב אין וועלכע ער געפינט זיך אין אלע אירע הינזיכטן, אריינגערעכנט דאס אז מעגליך וועט ער נישט איבערלעבן דעם היפש שעדליכן אפעראציע און אלעס זאל זיין מיט אמונה און מיט א געבויגענעם קאפ צום רצון ה'.

"איך בין אריין אין אפעראציע-צימער, כאילו איך גיי יעצט מאכן א פשוט'ן "בלוט-טעסט". מיט א רואיגקייט און אנע זארגן".

מיר האבן אים אמאל געפרעגט: ווי אזוי איז מעגליך אזוי צו רעדן? ווען מען רעדט צו א צווייטן איד וועלכער מאכט נעבעך אזויפיל מיט, ווי אזוי איז מעגליך צו רעדן אזא שפראך? ווער בין איך בכלל אז איך זאל קענען מיט אים רעדן? ווען מיר איז גוט און פיין, און 'יענער' ליידט שטערבליכע יסורים, זאל איך יעצט גיין און אים ערקלערן אז "הכל לטובה" און אז פופציג יאר לערנען תורה קומט נישט צו צו קבלת יסורים באהבה"?!... וואספארא זכות האט איר אז איר זאלט אזוי קענען רעדן?

דערויף איז זיין אנטווארט געווען: נישט דער מענטש רעדט מיט יענעם חולה, דער 'אמת' רעדט מיט אים. דאס איז אונזער אמונה און אויסער דעם איז גארנישט פאראן אויף דער וועלט. און עס איז באמת נישט פאראן א זאך וואס קען אים בארואיגן, כמעט נישטא וואס צו זאגן פאר איינער וועלכער געפינט זיך ליידער אין אזא ביטערן מצב.

וואס זאל מען זאגן פאר דעם איד וועלכער ראנגלט זיך אויפן שפיטאל בעטל מיט ביטערע יסורים? מיר זאלן אים זאגן: דער אויבערשטער וועט העלפן אז דו וועסט זיכער ארויסגיין דערפון און וועסט נאך קענען טאנצן אויף חתונות פון דיינע אור-אייניקלעך? ער וועט אין דעם נישט גלייבן, און ער ווייסט קלאר אז דער וואס זאגט אים די ווערטער האט נישט די מינדעסטע גשמיות'דיגע און הימלישע אינפארמאציע ער זאל דאס קענען בכלל זאגן.

גענצליך אנדערש איז אבער ווען מען רעדט מיט יענעם דעם

פארזעצונג אויף זייט 6 >>>

האט באקומען א רויז, איך בין דעמאלט דאס געווארן, איך קוק אים אן אנטוישט: מיט א רויז קומט מען פראווען א שבת?! מען רעדט דאך פון א געזונטהייט עיכוב און עפעס מעג מען דאך טון פאר'ן געזונט?

**אבער** ער שמייכלט און שמייכלט אן אויפהער, קוים וואס ער קען גיין און ער שמייכלט.

**וואס** עס איז דער באדייט פונעם שמייכל? זאגט ער מיר, ווען דער אויבערשטער האט געשיקט אברהם אבינו צום עקידה, ער זאל שחט'ן זיין זון יצחק, דעמאלט איז ער נישט געגאנגען צו אן ארט וואו עס איז געווען צוגעשטעלט פון אלעם גוטן, ער האט געברויכט מאכן א וועג פון דריי טעג, מיט אן אייזל, און קוים וואס ער האט געוואוסט אוואו ער דארף גיין, ער האט געהאט אלע סארטן מניעות און טירדות, אבער ער איז געגאנגען, ער האט פארגעזעצט מיט זיין וועג און זיך נישט אפגעשטעלט.

**ווען** איך וועל אנקומען אויף יענער וועלט, און דער אויבערשטער וועט מיר פרעגן פארוואס איך בין נישט געפארן אויף שבת און קלארמאכן און ארויסהעלפן אידן, וואס וועל איך ענטפערן? איך וועל ענטפערן אז איך האב נישט געקענט קומען ווייל איך האב געהאט א רויז?!.....

**ווען** ער האט געזאגט די ווערטער האט ער אזוי געלאכט... דאס וועל איך ענטפערן?...

**דאס** איז דער איד געווען. ווי אברהם אבינו, ער איז געווען גרייט פאר'ן אויבערשטן, יעדן רגע און שעה און אין יעדע זמן, אונטער סיי וואספארא אומשטענדן.

**ער** איז דעמאלט געהעריג ארומגעגאנגען מיט די פיס, זאגנדיג: עס פעלט אויס פאר די בלוט צירקולאציע...

■■■

**טון חסד מיט'ן אויבערשטן:** דאס איז געווען איינס פון זיינע הויפט סלאגאנען. ער פלעגט האלטן אין איין חזר'ן אז מיר אידן דא אויף דער וועלט, מיר דארפן טון א "טובה" פאר'ן אויבערשטן, פשוטו כמשמעו. דער אויבערשטער ווארט אויף אונזערע מעשים טובים, אויף אונזער תפלות און אויף אונזער לימוד התורה.

**אמאל** ווען רבי עזריאל איז געווען ביי א שבת שלהבת, ווען יענער שבת איז פארגעקומען עטליכע שמחות אינעם פאמילע, א שלו"ז, קידושא רבה און נאך. ווען מען האט אים געפרעגט, פארוואס טראץ די פילע שמחות דעם שבת טוט ער זיך באטייליגן ביים שבת שלהבת, איז זיין ענטפער געווען: וואס איז דער אויבערשטער שולדיג? ווייל ער האט מיר געטון א טובה און ער האט מיר געגעבן שמחות דארף ער דערלייגן א סעמינאר?...

■■■

**ווי אזוי האט רבי עזריאל זוכה** געווען און וואס האט אים געברענגט אז ער זאל קענען אזויפיל אויפטון אויף דער וועלט? וואס איז געווען דער אבנארמאלער כח און קראפט וואס האט דאס אלעס צוגעברענגט און געמאכט אז דאס זאל בכלל קענען פאסירן?

**דער** ענטפער איז א פשוט'ע.

**עס** איז געווען ווען ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט צו אונז: ווען דער אויבערשטער אליין, כביכול, וואלט דיר געהייסן אז דו זאלסט ארויפקריכן אויפן העכסטן שטאק פונעם 'עמפייער סטעיט בילדינג' און דערנאך זאלסטו פון דארט אראפטאנצן! וואלטן מיר דאס ווען געטון? זיכער אז יא! מיר זענען גרייט זיך מקריב צו זיין פאר'ן אויבערשטן. וואס וואלט אבער געווען ווען דער אויבערשטער זאגן, גיי אריין אונטן, אויפן ערשטן שטאק אינעם 'עמפייער סטעיט בילדינג' און טאנץ ארויף! וואלטן מיר דעמאלט אויך געפאלגט דאס וואס דער אויבערשטער הייסט אונז.

**דאס** פלעגט ער האלטן אין חזר'ן און ער זעלבסט איז געווען דערויף א באשיינפערליכער ביישפיל און סימבאל.

**דער אויבערשטער** בעט זיך צו אונז, דארט אונטן, אינעם ערשטן שטאק פונעם הויכן געביידע, קום ארויף אויבן! פראביר כאטשיג צו גיין איין טרעפל ארויף, איין שטאק ארויף!

**עס** איז קלאר, אז נאר וויבאלד דער גאון וחסיד האט געהאט אזא געוואלדיגער בהירות, ער האט געוואוסט מיט א קלארקייט דעם חוב פונעם מענטש אויף דער וועלט, זיין שליחות, תפקיד און מטרה, אז דאס האט אים געברענגט ער זאל קענען אנקומען אזוי הויך ארויף, סיי ער זעלבסט און סיי ארויפברענגען הונדערטער טויזנטער אידן און פרייע ארויף און נאנט צום אויבערשטן.

**און** ווי אויבנדערמאנט, איז דאס אלעס איין לאנגער גאלדענער קייט, בהירות, קלארקייט, וויסן דער תפקיד, תכלית, שליחות און ציל. דאס ברענגט דעם מענטש ער זאל קענען לעבן ריכטיג, און אויפטון וואס ער דארף אויפטון, און די רעזולטאטן זאלן זיין לרצון לפני אדון כל.

■■■



# "להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו"! וצדיק באמונתו יחיה

לאמיר זאָגן: ייִשר כח אויבערשטער!

ריינעם און קלארן אמת, דיבורי אמונה, דיבורי בטחון, ער זאל זיך אנגארטלען אינעם מצב אין וועלכע ער געפינט זיך, און אים געבן די כלים ער זאל קענען מקבל זיין דעם רצון ה', אין אלע מצבים מיט א פרייליכקייט און אמונה. דאס איז דאס וואס טוט באמת בארואיגן.

אט די אויבנדערמאנטע פלעגן בארואיגן און נענטער ברענגען אזויפיל אידן וועלכע פלעגן זיך געפינען אין שטורעמישע מצבים, און זיי פלעגן נישט אויפהערן צו קלאגן און זיך זעלבסט פייניגן.

און אפילו מיט חשבונות אין רוחניות, ווען מען איז משתוקק צו טון דעם רצון ה', און עס קומען אונטער מניעות און שטערונגען, אויך אויף דאס אלעס איז גילטיג דאס "קבלת יסורים בהאבה". דאס אז מיר זאלן אננעמען יעדן מצב אין וועלכע מיר געפינען זיך, איז זיכער נישט נאר אין גשמיות, נאר אויך גאר אין רוחניות. נישט לאזן ווערן פארכמורעט, טרויעריג און דערביטערט און דאס זאל ווערן א חלק פון אונזער עבודת ה'. נאר, אויך דארטן דארפן מיר אוועקשטופן דעם פינסטערניש און אריינברענגען דעם אור און זיך מבטל זיין צום רצון ה'.

"הנני בידך כחומר ביד היוצר!"

בעז"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת קדושים | גליון קד שנה ג





בהכוונת
יו"ר מכון מחשבת החינוך
המחנך הנפלא
הרב שלמה טייטלבוים שליט"א


# ווי אזוי קומט מען אן מיט דעם?

די פרשה הייבט אן מיט די ציווי פאר כלל ישראל "קדושים תהיו" מ'זאל זיין הייליג, דער רמב"ן איז מסביר אז דאס איז א פתיחה פאר אלע מצוות וואס גייט באלט קומען, די גאנצע פרשה שרייבט אונז אויס אלע מצוות וואס דורך דעם ווערט מען הייליג און די תורה ענדיגט צו צום סוף מיט די ווערטער "והייתם לי קדושים כי קדוש אני".

לכאורה איז דאס שווער צו פארשטיין ווייל ווען מ'קוקט זיך ארום אין די פסוקים וואס ס'קומט ווייטער איז שווער צו טרעפן ווי איז דא די הייליגקייט, די אלע מצוות זענען מצוות פון בין אדם לחברו ווי קומט מען דא צו קדושה מיט די מצוות?

די משנה אין עבודה זרה שרייבט אונז רבי פנחס בן יאיר א גאנצע לייטער פון מדרגות ווי אזוי א מענטש דארף זיך דערהייבן אין עבודת השם, ער רעכנט אויס זהירות און זריזות א.א.וו. ביז ער קומט אן צו די מדרגה פון קדושה וואס דאס איז נאר איין מדרגה אונטער רוח הקודש, דאס הייסט אז קדושה איז זייער א הויכע מדרגה, איז ווי פאסט עס דא ווען מ'רופט צוזאם גאנץ כלל ישראל ביי הקהל אנהייבן מיט די מצוה פון קדושים תהיו, דאס וואלט דאך געדארפט זיין א באפעל נאר פאר יחידי סגולה.

נאך דארף דא פארשטיין אויב "קדושים תהיו" איז א באפעל מ'זאל זיין הייליג, וואלט מער געפאסט די לשון פון די תורה צו שרייבן "קדושים היו" - זייטס הייליג, און נישט "קדושים תהיו" - איהר וועט זיין הייליג דאס הערט זיך נישט ווי א באפעל דאס הערט זיך ווי א צוזאג אז אזוי גייט זיין.

איינע פון די מצוות וואס ווערן אויס גערעכנט אין די פרשה איז די מצוה פון "לא תעמוד על דם רעך" - פשוט פשט פון דעם פסוק איז זאלסט דיך נישט צוריק האלטן ווען דו זעהסט אז דיין חבר איז אין א סכנה נאר שטעל דיך צו און ראטעווע אים ארויס, דער לשון פון פסוק איז שווער פארוואס שרייבט עס די תורה אין א לשון פון "לא תעמוד" - האלט דיך נישט צוריק פון צו העלפן, ס'וואלט דאך אסאך מער געפאסט צו שרייבן "הצל את רעך" א לשון פון א ציווי אזוי אלע אנדערע פסוקים? פארוואס פונקט ביי די מצוה האט עס די תורה אנדערש געשריבן?

*

איך שמעק דא א קדושה פון גן עדן - האט דער הייליגער צאנזער רב אויסגערופן ווען מ'איז אריין אין שטעטל - לאמיר ארום שפאצירן און זעהן פון ווי ס'קומט.

דער הייליגער דברי חיים האט ארום שפאצירט אין שטעטל פון גאס צו גאס, ביז מ'איז אן געקומען לעבן א קליינע שטוב און דארט האט זיך דער רבי אפ געשטעלט פון דא שטראלט עס ארויס - האט ער געוויזן אויף די שטוב, איך וואלט זייער געוואלט אריין גיין און זעהן פון ווי דאס קומט.

רבי פסח האט געעפנט די טיר, גרייט ארויס צו נעמען א פאר פונט פאר צדקה, אבער דער רבי האט נישט געוואלט נעמען.

איך וויל אריין שפאצירן ביי דיר אין שטוב - האט דער רבי געבעטן.

בכבוד גדול - האט ר' פסח געענטפערט און געעפנט די טיר מיט א ברייטקייט.

דער רבי איז אריין אין שטוב און אנגעהויבן צו שפאצירן אין אלע צימערן מיט גרויס ערנסטקייט.

ר' פסח איז נאך געגאנגען דעם רבי'ן פאזארגט, ווער ווייסט וואס האט דער רבי געטראפן ביי מיר, אז ער שפאצירט אזוי ערנסט אין מיין שטוב.

דער רבי שפאצירט ארום און ר' פסח נאך אים ביז מ'איז אנגעקומען צו א גרויסע שאנק און דער רבי האט זיך אפ געשטעלט.

פון דא קומט עס - האט דער רבי אויסגערופן - און געבעטן ארויס צו נעמען די קליידער וואס זענען דארט געווען.

ר' פסח מאכט אויף די שראנק און הייבט עס אן אויס צו ליידיגן, די מחשבות לויפן אים אין קאפ וואס קען דא זיין? וואס האט דער רבי דא געטראפן? וואס האב איך געזינדיגט?

און פלוצלינג פון די טיפעניש שלעפט ער ארויס א זעקל מיט אלטע שווארצע קליידער.

אה, דאס האב איך געזוכט - רופט דער רבי אויס - וואס ליגט דא אין דעם זאק.

ר' פסח ליידיגט אויס דעם זאק אינגאנצען רויט און פארשעמט, פון די זאק פאלן ארויס אלטע גלח'ישע קליידער.



## דבר העורך

איינע פון די מצוות וואס די תורה לערנט אונז די וואך אין די פרשה, איז דער לאו פון "לא תקלל חרש" – מ'זאל נישט שעלטן א טויבער מענטש אפילו אז ער הערט נישט, ווי אזוי איך שעלט אים?

למעשה מעג מען נישט שעלטן אויך א מענטש וואס הערט, דער איסור איז אויף יעדער איינער און נישט נאר אויף א חרש, איז פארוואס אויב אזוי שרייבט די תורה "לא תקלל חרש"? די תורה וואלט דאך געקענט שרייבן די פסוק "לא תקלל" און מיר פארשטיין במילא אז יעדער איינער איז בכלל.

נאר – זאגט דער ר"ן - ס'איז דא דא א מוירעדיגע יסוד.

ווען מיר וועלן פרעגן א מענטש פארוואס מעג מען נישט למשל גנב'ענען? וועט דאס זיין זייער א מאדנע שאלה, וואס הייסט פארוואס?! ווייל מ'מעג נישט אוועק נעמען פון יענעם, מ'מעג נישט שעדיגן יענעם, ס'איז יענעמ'ס פארמעגן, איז פון וועמעס טובה רעדט מען דא, פאר וועמען נעמט זיך דא די תורה אן, פאר דער גנב אדער פאר דער נגנב, קלאר אז פאר דער נגנב, די תורה זארגט זיך דער מענטש זאל נישט ווערן געשעדיגט.

אויב די מצוות רעדן פון זארג פאר דער געשעדיגטער, קומט אויס אז פארוואס מעג מען נישט שעלטן א מענטש? ווייל יענער ווערט פארשעמט, און יענער האט צער, און מ'מעג נישט מאכן שלעכט און ווייטוהן פאר יענעם, די תורה זארגט זיך אז יענער זאל נישט ווערן געשעדיגט.

אויב אזוי אז די תורה זארגט זיך פאר די געשעדיגטע קומט אויס אז א חרש וואלט מען יא געמעגט שעלטן, ווייל ער הערט דאך נישט און ער ווערט נישט געשעדיגט.

וועגן דעם קומט די תורה און לייגט אונז צו די ווארט "חרש", אז אויך א חרש וואס ער הערט נישט מעג מען נישט שעלטן, פארוואס טאקע נישט? ווייל מיר האבן נישט פארשטאנען די יסוד פון די איסור, פון די ווארט "חרש" פארשטיין אונז אז דער איסור איז נישט וועגן דער געשעדיגטער, נאר די תורה פאסט אויף אויף דער מזיק אויף דער מקלל ער זאל נישט שעלטן ווייל זיין נפש ווערט פארדארבן און ער ווערט שלעכטער ווען ער שעלט א מענטש, ווייל דער מענטש דארף זיך אויס לערנען זיך איין צו האלטן און צו פארגעבן.

די תורה זארגט זיך נישט פאר דעם ניזק נאר פאר דעם מזיק זאל נישט פאדארבן זיין נפש.

לויט דעם קומט אויס אז אלע אנדערע איסורים זענען אויך מיט דעם גלייכן טעם, די תורה זאגט אז מ'מעג נישט גנב'ענען נישט נאר פון זארג פאר דער נגנב זאל נישט ווערן געשעדיגט, די תורה זארגט זיך פאר דעם נפש פון דעם מענטש זאל נישט ווערן פארדארבן, דער מענטש זאל נישט ווערן נידעריג דורך גניבה אדער אלע אנדערע עבירות, דער מענטש זאל זיך קענען הייליגן, דער ערשטער וואס פארדינט פון די מצוות איז דער מענטש אליין וואס בלייבט מיט א ריינע נפש און קען אנקומען צו "קדושים תהיו".

**א גוטן שבת**

פון ווי האסטו די קליידער - פרעגט אים דער רבי - די קליידער שמעקן דאך ממש א ריח גן עדן, ווי קומט עס דא אהער צו דיר?

ר' פסח האט זיך אוועק געזעצט מיט'ן רבי'ן צום טיש און דערציילט:

שוין זייער אסאך יאהרן בין איך דא אין שטעטל א גבאי צדקה, איך גיי ארום אין באשטימטע צייטן און נעם צוזאם צדקה פון די קהל און מיט דעם העלף איך ארויס די וואס דארפן הילף.

איין טאג קום איך צוריק אהיים פון מיין קביעות'דיגע צדקה זאמלען, איך טייל אויס די געלט פאר אלע נצרכים לויט מיין ליסט, און פלוצלינג קלאפט מען ביים טיר, איך גיי צו צום טיר און א באקאנטער שיינער יוד פון דא אין שטאט קומט אריין.

ר' פסח איך מוז אייער הילף זייער דרינגענד - זאגט מיר דער יוד.

וואס איז געשעהן - פרעג איך דערשראקן.

מיט טרערן אין די אויגן דערציילט מיר דער יוד אויף די שווערע מצב וואס ער איז אריין געפאלן און ער מוז נאך אפאר שעה אפ צאלן א גרויסע סומע געלט אין ער האט נאך אפילו נישט קיין איין פרוטה צו געבן.

אויב איך ברענג נישט היינט די געלט איז מיין גאנצע געשעפט ערלעדיגט, און איך אויך - ענדיגט צו דער יוד - ס'איז ממש פיקוח נפש.

איך האב נישט געהאט קיין סאך ברירות איך האב אים געזאגט אז ער זאל קומען נאך אפאר שעה און איך בין ארויס נאך אמאל צוזאם שטעלן געלט, ס'איז געווען זייער שווער ווייל נאר היינט אינדערפרי האבן מיר די מענטשן געגעבן צדקה און שוין קום איך נאך אמאל, אבער בסייעתא דשמיא האב איך צוזאם געשטעלט פאר דעם יוד ווי פיל ער האט געדארפט.

אזוי ווי דער יוד איז ארויס פון מיר האט זיך געהערט נאך א קלאפ ביים טיר.

א צובראכענע יוד שטייט ביים טיר און וויינט, ער מוז מיין הילף, דער מצב איז ביטער, ער איז שולדיג פאר דעם פריץ אסאך געלט און יעצט זענען זיינע באדינערס ארויס פון זיין שטוב, נאכדעם וואס זיי האבן אים איבער געדרייט די גאנצע שטוב, ער מוז האבן געלט, ער האט מורא אהיים צו גיין באלד קומען זיי נאך אמאל האבן זיי געזאגט.

איך קען דיר נישט העלפן - האב איך אים געזאגט - איך בין שוין צוויי מאל ארום געגאנגען היינט פאר געלט, ווער וועט מיר נאך אמאל געבן?

אבער דער יוד האט גארנישט געהערט וואס איך רעד צו אים, ער האט זיך אוועק געזעצט אויפ'ן ערד לעבן די טיר און געוויינט, א געוויין וואס האט זיך הויך געהערט אין די גאנצע שטוב און צוריסן מיין הארץ.

וואס זאל איך טוהן - האב איך געטראכט ביי מיר - ווי קען איך נאך גיין זאמלען געלד, ווי אזוי קען איך אים העלפן.

און דעמאלס איז מיר איינגעפאלן א געדאנק.

אין עק פון די שטעטל איז דא א קרעטשמע, די קרעטשמע ווערט געפירהט דורך א יוד דארט גיי איך קיינמאל נישט אריין, שיכורים און נאך אסאך לײדיגייערס וואס דרייען זיך דארט, ס'איז זייער נישט א איינגענעמע פלאץ.

יעצט גיי איך אהין - האב איך מחליט געווען - און איך וועל פראבירען פון דארט צוזאם שטעלן אביסל געלט פאר צדקה, אפשר איז נאך געבליבן אביסל ווארעמקייט אין זייערע יידישע הערצער, און איך וועל עפעס קענען אויף טוהן מיט זיי.

אזוי ווי איך בין אנגעקומען צו די קרעטשמע, איך האב נאך אפילו נישט געהאט קיין צייט צו רעדן א ווארט און איך האב מיך געטראפן ארום גענומען מיט שיכורים וואס האבן מיך אויף געהויבן און אנגעהויבן צו טאנצן מיט מיר, א לאנגע צייט האב איך געמוזט טאנצן מיט זיי, ביז זיי האבן מיך אפ געלאזט און זיך גענומען ווייטער טרונקען.

איך האב אויס גענוצט די געלעגנהייט ווען ס'איז געווארן א מינוט שטיל און איך האב אנגעהויבן צו רעדן צו די שיכורים, איך האב זיי דערציילט אויף דער יוד וואס איז אין א גרויסע צרה און געבעטן ווער קען ארויס העלפן, זיי זענען אלע געזעצן האלב שיכור און צו געהערט וואס איך רעד, און איך האב געדאווענט און געהופט אז זייער יידישער הארץ וועט זיך אביסל אויף וועקן, און זאלן עפעס געבן פאר צדקה.

פלוצלינג גיבט זיך א שטעל אויף יוסקע, און מאכט שטיל די עולם

הער מיך צו פסח - זאגט דער יוסקע האלב שיכור - איך מאך מיט דיר א געשעפט, ס'איז אונז אביסל לאנגווייליג היינט און אויב דו וועסט אונז משמח זיין באקומסטו פון מיר די גאנצע געלט וואס דו דארפסט פאר יענעם יוד.

איך האב געקענט יוסקע זיין טאטע איז געווען א גרויסער גביר, און ער האט זיך געדרייט אלע מאל מיט פילע טאשן געלט, איך האב געוואוסט אז אויב ער זאגט צו וועט ער מקיים זיין, אבער איך האב נישט געוואוסט וואס איז די פרייז וואס איך וועל דא דארפן צאלן.

וואס ווילסטו איך זאל מאכן - האב איך געפרעגט ציטערדיג.

לעצטע וואך - זאגט אים יוסקע - האב איך געטראפן א זעקל מיט קליידער פון א גלח, ס'ליגט דארט אין ווינקל פון די קרעטשמע, דו וועסט אנטוהן די קליידער און אונז וועלן דיר באגלייטן מיט מוזיק און טאנצן מיט דיר אין די גאנצע שטעטל, אויב דו מאכסט עס באקומסטו פון מיר די גאנצע געלט.

איך בין מסכים - האב איך שנעל אויסגערופן - און יוסקע איז געלאפן ברענגען די זאק מיט די קליידער וואס ער האט געטראפן.

די ליידאקעס האבן מיר אנגעטוהן מיט די קליידער, יעדער איינער פון זיי האט זיך מיט גענומען א אינסטראמענט אדער סתם עפעס צו זעצן און זיי האבן מיר באגלייט אין די גאנצע שטעטל מיט זינגען און שפרינגען בקולות וברקים, און יעדע גאס וואס זיי זענען אנגעקומען זענען אלע ארויס זעהן, יעדער האט מיר אנגעקוקט ווי א מעשוגענער, קיינער האט נישט פארשטאנען וואס ס'איז געשעהן מיט מיר.

אזוי איז מען אריבער פון איין גאס צום צווייטן פון גהינום צו גהינום, מיינע אלע באקאנטע זענען ארויס קוקן, זיי טאנצען און שפרינגען און איך אינמיטן ווי א שיינער מחותן באגראב מיך פון בושה.

די בזיונות וואס איך האב דעמאלס געהאט איז געווען שרעקליך, אבער איך מיר די גאנצע צייט דערמאנט אז איך מאך דעם רצון השם און איך העלף ארויס א יוד, באלד גייט דאס אלעס אריבער און איך וועל בלייבן מיט די געלט און קענען ארויס העלפן דעם צובראכענער יוד.

און טאקע ווען דאס געטענץ האבן זיך געענדיגט האב איך מיך געטראפן מיט די גאנצע געלט אין די האנט, און אויך די קליידער האב איך באקומען פאר א מתנה.

ווען איך האב געזעהן די גרויסע שמחה וואס דער צובראכענער יוד האט געהאט באקומענדיג די געלט, האב איך געשפירט אז אלעס איז געווען ווערט, און ס'האט זיך מיר געלוינט.

דאס איז די מעשה פון די קליידער - האט ר' פסח געענדיגט צו דערציילן זיין מעשה פאר דעם הייליגן צאנזער רב.

יעצט איז אלעס קלאר - האט דער צאנזער רב געזאגט - יעצט פארשטיי איך פון ווי שטאמט די גרויסע קדושה און די ריח גן עדן וואס איך האב דא געשפירט, ווען א מענטש גיבט זיך אזוי שטארק איבער פאר יענעם.

פאס אויף אויף די קליידער - האט אים צאנזער רב געזאגט - און בעט פון דיין


## ברכת מזלא טבא וגדיא יאה

לידידינו הנכבד עוסק בצרכי ציבור באמונה

## הרה"ח ר' חנן אלימלך הרציג שליט"א

גבאי נאמן ומסור בלב ונפש לבית מדרשינו

לרגל השמחה במעונו באירוסי ביתו הכלה תחי'
יה"ר שיזכה לראות רב נחת דקדושה מכל יוצ"ח
דורת ישרים ומבורכים.

כברכת
ידידך בלו"נ מתפללי ביהמ"ד "ברכת צבי דביאלא"


המשך בעמוד ד'

# שאלות ותשובות

**שאלה:** די וואך הייבט זיך אן דער נייער זמן אין ישיבה, איך גיי צוריק אין ישיבה מיט זייער וויניג חשק, איך שפיר אז איך בין נישט מצליח אין ישיבה, ס'גייט מיר זייער שווער מיט'ן לערנען און איך שפיר אז יעדער איינער איז מצליח מער פון מיר, איז וואס איז מיין גאנצע תכלעס פון ישיבה? איך קום דאך נישט אן אין ערגעץ?

## תשובה:

דער דרך העולם איז אז אויב מ'וויל עפעס מעסטן טוט מען דאס מעסטן לויט א אנדערע זאך, למשל אויב איך וויל מעסטן א מענטש אויב ער איז הויך אדער נידעריג מעסט איך דאס לויט אנדערע מענטשן לויט וויפיל רוב מענטשן זענען, מ'איז מחליט וואס הייסט נארמאל און לויט דעם קען מען מחליט זיין אויב ער איז מער פון נארמאל אדער ווייניגער פון נארמאל, אויב איך וויל מעסטן ווי שווער אזאך איז לייג איך דאס אויף די וואג און מעסט לויט דעם ווי שווער דאס איז, אזוי איז יעדע זאך אויף די וועלט מ'טוהט עס מעסטן און נאך קוקן לויט א אנדערע זאך.

וואס וועט געשעהן אויב איך וועל מעסטן א מענטש אויב ער איז הויך אדער נידעריג דורך דעם וואס איך וועל אים ארויף לייגן אויף די וואג? איך וועל נישט באקומען די ריכטיגע אינדיקציע צו ווער דער מענטש איז און אזוי אויך אויב איך וועל וועלן מעסטן א קינד אויב ער איז איז קלוג אדער נישט לויט א מעטער וועל איך נישט באקומען די ריכטיגע תשובה, ווייל יעדע זאך האט די וועג ווי אזוי און דורך וועלכע מעסטער מ'טוהט דאס מעסטן.

כדי צו פארגלייכן צווישן זאכן און זעהן אויב ער איז שווער אדער גרינג הויך אדער נידעריג מוז'ן די צוויי זאכן זיין די זעלבע זאך, ווען נישט איז גאר נישט שייך צו פארגלייכן צווישן זיי, ס'פארשטייט זיך אליין אז א בילדינג וואס איז הויך צוויי מעטער איז נידעריגער פון א קינד וואס איז הויך א מעטער נייינציג אפילו אז די בילדינג איז העכער מיט צעהן סענטימעטער.

כלפי מה הדברים אמורים?

ווען א בחור זיצט אין ישיבה און לערנט קוקט ער זיך ארום און זעהט ווי אזוי יענער האט פארשטאנען די גמרא אסאך שנעלער פון אים, ער פלאגט זיך נאך אויף די ערשטע שטיקל און זיין חבר האלט שוין א בלאט ווייטער, וכדומה.

זיין חבר שפירט דאס אויך? ניין, דער חבר שפירט דווקא ווי אזוי ער פארגעסט זייער שנעל און זיין חבר געדענקט נאך זאכן פון וואכן צוריק, קיינער שפירט נישט זיינע גוטע ווינקלעך ווייל אנשטאט אריין צו קוקן אין דיר און טרעפן דיינע מעלות טוהסטו דיך מעסטן לויט דיין חבר לויט ווי אזוי ער זעהט אויס וממילא זעהסטו אז ראובן כאפט אויף שנעל און שמעון געדענקט גוט און לוי פארשטייט בעיון און דו קוקסט דיך ארום אויף אלע גוטע זאכן וואס יעדער איינער האט און נאר דו האסט נישט, דאס הייסט דו טוהסט דיך מעסטן לויט וועלכע מעסטער? לויט דיין מעסטער אדער לויט דיין חבר'ס מעסטער? ווי אזוי קענסטו דיך אויסמעסטן לויט יענעם? דאס איז דאך אינגאנצן א אנדערע סארט מעסטן.

למעשה, איז דאס דער טבע פון דעם מענטש בפרט אין די יונגע יאהרן פון זיין לעבן, ער טוהט זיך מעסטן נישט לויט זיך נאר לויט יענעם, ער קוקט רעכטס און קוקט לינקס ער זעהט אלע גוטע זאכן וואס יענער האט מער פון אים און קעגן דעם זעהט ער נאר זיינע חסרונות, לויט דעם קומט ער צו די מסקנות וויפיל ער איז ווערט.

די מידה פון זיך מעסטן לויט יענעם רופט זיך מיט איין ווארט "קנאה", דאס איז א מידה וואס ס'איז זעלטן צו טרעפן מענטשן אן די מידה ווייל די מידה איז אויך גורם פאר א מענטש ער זאל זיך אנשטרענגען צו מצליח זיין ער זאל טוהן און אויף טוהן אויף די וועלט, אבער דאס איז אויך די מידה וואס ווען מ'ניצט דאס אויף די פאלשע וועג צושטערט עס די לעבן פון דעם מענטש, אויף דעם זאגן חז"ל "הקנאה.... מוציאין את האדם מן העולם" דער מענטש וואס לעבט מיט קנאה גייט ארויס פון די וועלט ער לעבט גאר נישט אין זיין וועלט, ער לעבט נאר ביי יענעם וואס האט דער און וואס האט יענער וואס האט דער מצליח געווען און וואס האט יענער געמאכט, ער איז אינדרויסן פון די ריכטיגע וועלט וואס ער דארף צוזיין.

אויף דעם שטייט אין משלי דער פסוק "ורקב עצמות קנאה" ווען איינער לעבט מיט קנאה איז ורקב עצמיות ס'מאכט פארפוילט אין אים זיין עצמיות זיינע ריכטיגע כוחות וויל ער זעהט גאר נישט זיינע אייגענע מעגליכקייטן, זיינע אייגענע כשרונות, ער זעהט נאר יענעמס הצלחות און דאס צוברעכט אים אינגאנצן און שטערט אים צו שטייגן.

איז וואס איז די ריכטיגע בליק?

מיר זאגן יעדן טאג ביים דאווענען א ברכה וואס מיר דאנקען דעם באשעפער "שעשה לי כל צרכי" אז ער האט מיר צוגעשטעלט אלעס וואס איך דארף, בפשטות גייט די ברכה אויף די גשמיות דיגע זאכן פון דעם מענטש, אבער ס'ווערט געברענגט אין ספרים אז דאס גייט ארויף אויף די כשרונות און די פעהיגקייטן פון דעם מענטש.

יעדער מענטש באקומט אין זיין נפש אלע תכונות הנפש אלע טאלענטן וואס ער דארף כדי אנצופילן זיין תפקיד אויף דער וועלט, קיינער קומט נישט אן כלים און קיינער קומט נישט מיט איבעריגע כלים, אזוי ווי דער סטאלער קומט עפעס פארעכטן וועט ער ברענגען אלע כלים וואס ער דארף און נישט ברענגען וואס ער דארף נישט, אזוי אויך דער מענטש ווען ער קומט אויף די וועלט באקומט ער אלע כלים וואס ער דארף און ער באקומט נישט איבעריגע כלים וואס קענען אים שטערן און זיין עבודה אויף דער וועלט.

די גרעסטע מתנה וואס א מענטש קען זיך געבן איז צו זיצן און טרעפן אין זיך זיינע כשרונות און זיינע טאלענטן וואס ער האט און פראבירן מיט דעם אנצוקומען די בעסטע וואס ער קען אויף די וועלט, נאר אזוי וועט א מענטש קענען מצליח זיין און זיך הייבן. אויב ער וועט זיין באשעפטיגט מיט וואס יענער האט און מיט וואס ס'פעלט אים וועט ער קיינמאל נישט אנקומען אין ערגעץ.

דער תפארת שלמה פרשת כי תבא אויפ'ן פסוק "ושמחת בכל הטוב" שרייבט:

"... וכן הוא גם בעיניני עבודות השי"ת, היינו שיסתפק האדם במה שחנן לו אלוקים בחכמה בינה ודעת, ויראה להסתכל בעצמו ולפקח על כל דרכיו...

... אם כי מחוייב האדם לומר מתי יגיעו מעשי למעשי אבותי בכל זה אם אינו בכח השגתו וקדשתו אל יהרהר אחריו חלילה, אך יהיה לו מדרגתו

לשלמות איתו, ויודה לה' וישמח בחלקו...

... והלואי ישלים חלקו הראוי לו לפני השי"ת, וזהו ושמחת בכל הטוב וגו'"

מיר זעהן פון דעם תפארת שלמה, אז א מענטש דארף זיין צופרידן מיט זיינע טאלאנטן און גלייבן באמונה שלמה אז דאס וואס ער האט באקומען איז פונקט דאס וואס ער דארף האבן פאר זיין תפקיד אויף די וועלט, און אויב ער האט א שוואכע קאפ איז דאס וואס ער דארף האבן ווייל זיין תפקיד איז יגיעת התורה, און אויב ער האט א גוטן קאפ מוז ער וויסן אז דאס וואס ער האט באקומען און זיין תפקיד איז דאס אויס צו ניצן די מערסטע וואס ס'איז מעגליך, און אויב ער וועט דאס נישט אויס ניצן וועט זיין אויף אים א תביעה.

יעדער איינער האט באקומען כשרונות טאלאנטן און א תפקיד און איינס פאסט צו צום צווייטן, און ס'איז נישט שייך צו פארגלייכן איינער מיט'ן אנדערן, און נישט מעסטן איינער לויט דעם אנדערן ווייל ס'איז אינגאנצן צוויי אנדערע סארט וועלטן, און יעדער איינער איז א אנדערע וועלט.

וועט א מענטש וועט זיך צו געוואוינען צו טראכטן לויט דעם מהלך וועט ער זיין אסאך מער צופרידן אין זיין לעבן אסאך מער רוהיגער, וממילא וועט ער האבן אסאך מער חשק און כוחות אויסצוניצן זיינע טאלאנטן און זיינע כשרונות וואס ער האט באקומען.

כללו של דבר, וואס מער דער מענטש קוקט אריין אין זיך האט ער מער כוחות, און וואס מער ער קוקט ארויס און פארגלייכט זיך מיט יענעם ווערט ער נאר שוואכער, סיי בגשמיות און סיי ברוחניות.

## המשך מעמוד ב'

משפחה אז די קליידער זאלן זיין דיינע תכריכים און מיט די קליידער זאל מען דיר באגראבן, דאס וועט דיר עפענען אלע טויערן אויבן אין הימל.

קיין מלאך חבלה וועט נישט קענען אדורך ברעכן אזא פאנצער פון מסירות נפש פאר אנדערע יודען.

*

די מידה פון קדושה איז זייער א הויכע מדרגה וואס נישט יעדער מענטש קען דאס דערגרייכן מיט זיינע כוחות, די מידה פון קדושה איז נישט פשט זיין אפגעשייד פון די וועלט, קדושה מיינט נישט זיך אפ האקן פון עולם הזה, קדושה מיינט מאכן אלעס וואס מ'דארף אויף דער וועלט אבער מיט קדושה, מאכן אלעס וואס דער מענטש מוז מאכן אליין א מענטש, אבער מיט א מטרה פון זיך הייליגן מיט א בליק צום אייבישטער אריין טוהן די קדושה פון דער אייבישטער אין די גשמיות'דיגע וועלט, דאס איז די מדרגה פון קדושים תהיו.

זאגט אונז די תורה פרשה זו נאמרה בהקהל די תורה האט אונז געגעבן די מצוה פאר יעדער יוד, פון דער גרעסטער ביז דער קלענסטער יעדער איינער איז דארט געשטאנען ווען משה רבינו האט דאס גערעדט צו כלל ישראל און יעדער איז געקומען בהקהל צו הערן די מצוה פון קדושים תהיו.

זאגט משה פאר כלל ישראל ענק וועלן אלע זיין הייליג, דאס איז א הבטחה פון דער אייבישטער און נישט ווייל ענק קענען משיג זיין די הויכע מדרגות פון קדושה, נאר ס'איז דא דא א הבטחה אויב איהר וועט טוהן די אלע מצוות וואס ס'שטייט דא אין די פרשה, אויב ענק וועלן זיך צו שטעלן צו וואס איך בעט פון אייך, זאגט דער אייבישטער צו פאר די יודען וועל איך ארויף לייגן אויף אייך די קדושה און דעמאלס "קדושים תהיו" וועט איהר זיין הייליג.

וואס דארף מען טוהן צו דעם?

קומט די תורה און געבט אונז א גאנצע ליסט פון מצוות, רובא דרובא איז בין אדם לחברו, די תורה זאגט אונז קדושה איז נישט וואס דו מיינסט, קדושה איז וואס די תורה הייסט, לייג אוועק דיינע אייגענע געדאנקען וואס דו האסט דיך איינגערעדט אז קדושה מיינט און זאלסטו וויסן אז קדושה איז נאר וואס די תורה זאגט אז דאס מיינט קדושה.

"לא תעמוד על דם רעך" - שטעל דיך נישט אפ ווען דיין חבר איז אין א צרה, הייב נישט אן צו שטיין און מאכן חשבונות זאל איך אים ארויס העלפן אדער נישט, ס'פאסט יא אדער ס'פאסט נישט, ס'איז נישט חסידיש, וואס וועט מען זאגן אויף מיר, ווען דו זעהסט דיין חבר איז אין א צרה טאנץ אריין און העלף אים ארויס, "לא תעמוד" שטעל דיך נישט מאכן חשבונות, דאס מיינט א חסיד.

די גמרא אין סוטה זאגט "היכי דמי חסיד שוטה [וואס הייסט א חסיד שוטה] כגון דקע טבעא איתתא בנהרא [אז א פרוי ווערט דערטראנקען אין טייך] ואמר לאו אורח ארעא לאיסתכולה בה ואצולה" [און ער זאגט ס'פאסט נישט צו קוקן און איהר ראטעווען]. אויב דו שטעלסט דיך און די מאכסט חשבונות "לאו אורח ארעא" - ס'פאסט נישט אזוי צו מאכן מ'פירט זיך נישט ביי אונז אזוי, דאס הייסט א חסיד שוטה, ווייל אויב אונזער מטרה איז צו מאכן רצון השם, קומט דא גאר נישט אריין א חשבון פון "לאו אורח ארעא" - מ'פירט זיך נישט ביי אונז אזוי, ס'פאסט נישט פאר מיר, איך וועל האבן בושות.

ווייל אויב דיין מטרה איז קדושים תהיו אויב דיין וועג איז צו ברענגען אריין קדושה אין די גשמיות'דיגע לעבן, אריין ברענגען דעם אייבישטער אין דיין סדר היום, איז די אלע חשבונות גארנישט וויכטיג, ווייל נישט דאס איז די וועג וואס טראגט אהין, די איינציגע וועג איז "לא תעמוד" שטעל דיך נישט אפ און מאך נישט קיין חשבונות, מאך וואס דער אייבישטער זאגט אן צו טראכטען וואס פאסט דא אריין, און דעמאלס זאגט אונז דער אייבישטער צו אז "קדושים תהיו" דו וועסט זיין הייליג, דו וועסט זוכה זיין צו "לטהרנו ולקדשנו בקדושתך העליונה אמן סלה".

ב"ה

## הודעה חשובה

פאר די אלע וואס האבן זיך איינגעשריבן צו די שיעורים.

שיעורי "דרכי חינוך והוראה" פאר מלמדים וועלן זיך אנהייבן אי"ה דינסטיג ט"ז אייר הבעל"ט

שיעורי "חינוך הבית" פאר עלטערן וועלן זיך אנהייבן אי"ה זונטאג פסח י"ד אייר הבעל"ט

ס'איז נאל געבליבן איינציגע פלעצער ביי די שיעורים.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD.N16 6DW

# תענה אמונים

פנינים וביאורים
על 'ברכת המזון'

## ברכת המזון - די ברכה 'בונה ירושלים' (ז')

### 'עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם...'

"וְהַבּוֹטֵחַ בַּה' חֶסֶד יְסוֹבְבֶנּוּ" - אזוי זאגט דוד המלך אין תהילים (לב י). און טאקע אזוי, און נאך פסוקים, און אין אסאך מאמרי חז"ל טרעפן מיר אז מ'האט משבח געווען די מדה פון בטחון און אירע געוואלדיגע מעלות. און מיר טרעפן אויך ווי דער נביא ווארנט אן און זאגט (ירמיה יז ה; ז): "אָרוּר הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בָּאָדָם...; בָּרוּךְ הַגֶּבֶר אֲשֶׁר יִבְטַח בַּה'".

דעריבער, נאך וואס מיר האבן געבעטן אז מיר זאלן קיינמאל נישט צוקומען צו חסדים פון מענטשן, לייגן מיר צו, אז מיר ווילן נישט מיר זאלן פילן און טראכטן אז דורך 'כוחי ועוצם ידי' האבן מיר פרנסה, "כי אם לידך" - נאר מיר זאלן וויסן און איינערקענען אין יעדע מצב אז נאר פון דיר קומט די פרנסה, און נאר אין דיר זאלן מיר אנהענגען אונזערע אויגן. לייגט צו דער קאצקער רבי אז דער לשון "כי אם" זעהט אויס ווי א תנאי - אויך אויב דו האסט גוזר געווען אז אונזער פרנסה זאל קומען דורך א בשר ודם, זענען מיר זיך מכניע צו דיין גזירה, מיט א תנאי אז מיר וועלן קיינמאל נישט פארגעסן אז פון דיין האנט האבן מיר עס באקומען ('שיח שרפי קודש' ח"א אות שפה).

### קיינמאל נישט אויפהערן פון זיך פארלאזן

נאך מער, עס שטייט: "טֶרֶף נָתַן לִירֵאָיו יִזְכֹּר לְעוֹלָם בְּרִיתוֹ" (תהלים קיא ה), און אין מדרש (ב"ר מ ב) דרש'נט מען: "טירוף נתן ליראיו בעולם הזה". די כוונה איז אז דער אויבישטער האט אייגעפירט אז די שפייז פאר די ערליכע מענטשן געבט ער אויף אזא וועג וואס זיי זאלן קיינמאל נישט אויפהערן פון זיך צו פארלאזן אויף אים און צו האפן צו זיין הילף, ווייל דורך די סאך גוט'ס וואס זיי האבן קענען זיי צוקומען צו א מחשבה פון: "כוחי ועוצם ידי...". וועגן דעם בעהטן מיר: "כי אם לידך", אז אונזער פרנסה זאל צו אונז אנקומען דורך אונזער בטחון אין דיר און מיט א געפיהל פון 'כוחי ועוצם ידי' (הגש"פ 'מחזה אברהם' [פון רבי אביש'ל פראנקפורטער]).

אין די יונגע יארן פונעם גאון רבי יוסף חיים זאנענפעלד זצ"ל, ווען ער האט געוואוינט מיט זיין פאמיליע אין די שטט קויבערסדארף וואס איז אין אונגארן, בעפאר זיי זענען ארויף קיין ירושלים. נאך וואס זיין רייכער שווער האט פארלוירן זיין גאנצע פארמעגן האט ער מיט זיין פאמיליע געליטן פון א שרעקליכע הונגער, זיי האבן נישט געהאט קיין שטיקל ברויט צום עסן. רבי חיים וואס זיין בטחון איז געווען איינגעבאקן טיף אין זיין הארץ, האט זיך קיינמאל נישט אפגערעדט אויף זיין מצב, און האט אויך זוכה געווען צו זעהן שטענדיג די השגחה פון השי"ת, און ווען זייער מצב איז געווען נישט צום אויסהאלטן, האט דער אויבישטער צוגעשיקט תלמידים וואס זייער שכר לימוד איז גענוג געווען אויף זייער לעבן, אבער זייער בצמצום. אבער די רעביצין וואס איז ערצויגן געווארן אין א רייכע הויז איז איר זייער שווער געווען צו קענען אויסהאלטן די שרעקליכע הונגער.

אין איינע פון יענע שווערע טעג, איז אים שווער געווען צוקוקן וויאזוי זיין רעביצין איז אזוי שטארק צובראכן, האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן צום אויבערשטן און געבעהטן: "רבונו של עולם, דאווענען אויף א ברייטע פרנסה קען איך נישט און איך וויל נישט, אבער קוק צו די צער פון מיין פרוי און שטארק איר מיט די מדה פון בטחון, אז זי זאל נישט זיין טרויערדיג און זיך זארגן אויף פרנסה".

יארן שפעטער, ווען ער האט דערציילט די געשיכטע, האט ער אויסגעפירט: "עס זעהט מיר אויס אז מיין תפילה איז אנגענומען געווארן; כמעט אלע מיינע יארן האב איך נישט געהאט קיין פרנסה בהרחבה, אבער פון דעמאלטס האב איך נישט געהערט מיין רעביצין זאל זיך אפרעדן און אפילו נישט געבן קיין קרעכץ אויף דעם" ('מרא דארעא דישראל' ח"א עמ' כד).

### זיין האנט איז שטענדיג אפן

פון דער נוסח הברכה: "כי אם לידך... הפתוחה", האט דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין ארויסגעלערנט אז דער מענטש דארף גלייבן אז דער האנט פון השי"ת איז **שטענדיג** געעפענט אים צושטעלן זיין פרנסה, און אויב ער וועט נאר בעהטן אויף דעם פון טיפן הארץ, וועט ער באלד באקומען (מתוך מכתבו המובא בסידור 'שערי יחזקאל'). דער גאון מהרא"י בלוך ראש ישיבת טעלז האט צוגעלייגט און געזאגט, עס קומט אונז לערנען אז פון השי"ת'ס זייט איז נישטא קיין שום אפהאלט, זיין פולע האנט איז שטענדיג אפן צו געבן פאר זיינע באשעפענישן, און נאר די מעשים פון די מענטשן האלטן אפ פון עס צובאקומען ('שעורי דעת' [ירושלים תש"ע] עמ' רב).

### 'הקדושה' אדער 'הגדושה'?

אסאך שטעלן זיך אויף די ווארט 'הקדושה' אז עס איז נישט פארבינדן מיט די לשונות פון פארדעם און נאכדעם: 'המלאה הפתוחה... והרחבה'. און עס זענען דא וואס צוליב דעם זענען גורס 'הגדושה'. און אזוי זאגט מען נאך אין נאמען פון הרה"ק רבי צבי הירש פון זידיטשויב וואס האט אזוי ערקלערט:

לכאורה, די ווארט 'הקדושה' איז נישט פארבינדן מיט די ווערטער וואס זענען פארדעם און נאכדעם, און אויב מיר ווילן צולייגן נאך לשונות, וואלט מען געדארפט צולייגן: 'הגדולה', 'החזקה' א.ד.ג.? נאר עס זעהט אויס אז אין די אלטע סידורים איז געשטאנען 'הגדושה' - פון דער לשון 'אנגעהאפנט', נאר א דרוקער וואס איז געווען א עם הארץ האט נישט פארשטאנען די טייטש פון די ווארט, האט פון זיך אליין באשלאסן עס פאררעכטן צו: 'הקדושה', און די אנדערע דרוקער'ס האבן אים נאכגעמאכט. אבער די ריכטיגע גירסא איז: 'הגדושה' ('צפונות' - תשרי תשנ"א עמ' פח, בשם רא"מ וועלבער פון מונקאטש).

אבער למעשה, דער נוסח וואס איז אנגענומען ביי כלל ישראל איז: 'הקדושה', און אזוי איז מען גורס אין רוב סידורים. און עטליכע ערקלערונגען טרעפן מיר אויף דעם:

דער 'תפארת שלמה' פון ראדאמסק האט ערקלערט:

ווען די שפע קומט פונעם צד הקדושה, איז עס שטענדיג פול, אבער ווען עס קומט פון די אנדערע צד, קען עס קיינמאל נישט צופרידן שטעלן דעם מקבל. אזוי ווי דער חכם מכל אדם האט געזאגט אין משלי (יג כה): "צַדִּיק אֹכֵל לְשֹׂבַע נַפְשׁוֹ וּבֶטֶן רְשָׁעִים תֶּחְסָר". דעריבער בעהטן מיר: "כי אם לידך המלאה... הקדושה", מיר זאלן זוכה זיין באקומען פון השי"ת הייליגע האנט, וואס דעמאלטס וועלן מיר האבן אלע אונזערע געברויכן ('תפארת שלמה' כי תבוא).

אויף נאך א וועג ערקלערט מען, אונזער כוונה איז צובעהטן אז אונזער פרנסה זאל נישט קומען דורך א גע'אסר'טע וועג, נאר בהיתר און בקדושה, ווייל דער וואס האנדלט קען זייער גרינג צוקומען צו איסורים, ווי גזל, אונאה, און אויך חילול שבת א.נ. חלילה, דעריבער איז אונזער בקשה אז מיר זאלן זוכה זיין צו פרנסה אויף א וועג פון 'קדושה' (הגש"פ 'נגיד ונפיק').

און אזוי האט געזאגט דער גאון המוסר רבי איצעל'ע בלאזער זצ"ל: "מיר זאגן ביים בענטשן 'ונא אל תצריכנו... כי אם לידך המלאה הפתוחה...'; אויב דער האנט פונעם אויבערשטן איז פול, אפן און ברייט, אויב אזוי וועט דאך יעדער קענען קומען און נעמען?! דעריבער זאגט מען אויך: 'הקדושה', און ווער עס נישט הייליג - וויאזוי וועט ער נעמען?!" ('לב אליהו' ח"א, ב'שביבי לב' אות ב).

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א ישועה וואס האט זיך אנגעפאנגען ביי א 'מסיבת סידור'

**מיר האבן צו דערציילן א אינטערסאנטער ערציילונג וואס דער רב פון רמת אלחנן, דער גאון רבי יצחק זילבערשטיין שליט"א האט דערציילט. אין דעם ליגט א שטאקער דערהער איבער א פשוטע תפילה וואס קומט ארויס פון א ריינע הארץ, א תפילה וואס איר געוואלדיגע שטארקהייט קענען טוישן די טבע און אויפטון א ערנסטע ענדערונג, אויך אין אזא צייט וואס עס זעהט אויס אז עס קען זיך שוין גארנישט ענדערן.**

דאס איז געווען ווען הגר"י זילבערשטיין שליט"א האט געענדיגט א שיעור וואס ער איז געוואוינט איבער צו געבן פאר א גרויסער ציבור פון דאקטורים אין די טעמע פון 'רפואה והלכה'. ארויסגייענדיג פון בית המדרש וואו דארט איז דער שיעור געזאגט געווארן, האט דער רב באמערקט ווי א אנגעזענער רעליגיעזער דאקטערווארט אויף אים ביים ארויסגאנג פון בית המדרש. דער געזיכט פונעם דאקטער האט געוויזן אז ער געפונט זיך אין שטורעמישע געפילן, און אין זיינע הענט האט ער געהאלטן א זעקל.

"דאקטער, ווילסט מיר עפעס זאגן?" - האט דער רב זיך אינטערעסירט, און אנשטאט א ענטפער האט דער דאקטער ארייגעלייגט זיין האנט אין זעקל און ארויסגענומען פון דארט א סידור - 'סידור תפילה לתלמידים', אזאנס וואס די קינדער אין די תלמוד תורה'ס דאווענען אין דעם.

"וואס איז די ספעציעלקייט אין דעם סידור", האט דער רב זיך געוואונדערט, "פארוואס ברענגט דיר דאס צו צו אזא גרויסע התרגשות?".

"דער סידור געהערט צו מיין קליינעם זון", האט דער דאקטער ערקלערט, און האט באלד פארגעזעצט מיט זיין ערציילונג: "איך האב חתונה געהאט פאר ארום פופצן יאר. נאך וואס עס זענען אדורך עטליכע יאר פון מיין חתונה און איך בין נאכנישט געהאלפן געווארן מיט קינדער, האבן מיר אנגעהויבן גיין צו פראפעסארן. צו אונזער גרויסער ווייטאג, עס האט זיי נישט אויסגעפעלט אסאך צייט צו באשליסן זייער דיאגנאז; די אלע דאקטורים וואס מיר האבן זיך צו זיי געווואנדן האבן אונז אוועק געשיקט מיט ליידיגע הענט, נאכן זאגן אז לויט זייער וויסנשאפט האבן מיר נישט בדרך הטבע קיין אויסזיכטן מיר זאלן ברענגען קינדער אויף דער וועלט.

אין אנהויב האבן מיר פראבירט קעמפן מיט די ביטערע גזרה, מיר האבן פראבירט צו גיין צו גרעסערע פראפעסארן, מיר זענען אריבער אלע ערליי אונטערזוכונגען און פארשידענע באהאנדלונגען, אבער אויך נאך אלע באמיאונגען זענען מיר אנטוישט געווארן הערנדיג אז אונזער צושטאנד האט זיך גארנישט געענדערט. אונזערע שאנסן צו ברענגען קינדער אויף דער וועלט זענען גארנישט.

נאר וואס מיר האבן משלים געווען מיט אונזער צושטאנד האבן מיר באשלאסן צו נעמען א פרעמד קינד צו ערציהען. אויך דא זענען מיר אריבער נישט קיין גרינגע וועג, ווען אין ענדע האבן מיר באקומען א פיצל קינד וואס מיט זיין זיסקייט האט ער אנגעפילט אונזער הויז מיט צופרידקייט און גליק. אין לויף פון די יארן וואס זענען אריבער פון ווען מיר האבן ארייגעלייגט אין דעם קינד אלע אונזערע כוחות, ווי ער וואלט געווען אונזער אייגן קינד, האבן מיר נישט געשוינט דאס בעסטע און שענסטע פארן קינד אין אלע הינזיכטן.

ווען דאס קינד איז גרעסער געווארן און האט געדארפט ארויף גיין צו די ערשטע קלאס האבן מיר באשלאסן אים צו שיקן צו א תלמוד תורה, און שוין אין די ערשטע טעג האבן מיר זיך איבערגעצייגט אז מיר האבן געטון דאס ריכטיגע שריט. דאס קינד האט זיך געפריידט צו גיין יעדן טאג אין תלמוד תורה, און איז אהיים קומען ווען ער איז אנגעפילט מיט רוחניות'דיגע געפילן, און אויך מיר האבן זיך מחזק געווען דורך דעם.

עטליכע חדשים נאכדעם איז פארגעקומען אין זייער קלאס א שיינע און רייכע 'מסיבת סידור', מיר האבן זיך מיטגעפריידט מיט זיין שמחה, מיר האבן צוזאמען מיט אים מיטגעלעבט די צוגרייטונגען. ענדליך איז אנגעקומען דער גליקליכער טאג. די מסיבה איז געווען זייער דערהויבן, און ביים ענדע האט יעדער יונגל באקומען א שיינע סידור.

ווען מיר זענען אהיים געקומען, האב איך באמערקט אז דער קינד געפונט זיך אין נישט געווענליכע שטורעמישע געפילן, זיינע אויגן וואס האבן געשיינט מיט א אויסטערלישע ליכטיגקייט און זיין געזיכט וואס האט געשטראלט מיט א דערהויבענע גליק, האבן עדות געזאגט אויף די גרויסע התרגשות וואס ער גייט אריבער. ער האט צוגעדרוקט דעם סידור נאנט צו זיין הארץ און האט נישט מסכים געווען עס אפלאזן אויך נאך א לענגערע צייט.

דער זאך איז געווען א וואונדער אין מיינע אויגן; טאקע א 'מסיבת סידור', אבער אזוי שטארק...?! איך האב זיך אראפגעזעצט נעבן אים און פראבירט ארויסבאקומען פון אים דער סיבה פון זיין אויסטערלישע התרגשות; "מיין טייער קינד", האב איך זיך געווואנדן צו אים, "וואס גייט אריבער אויף דיר, פארוואס ביזסטו אזוי שטארק איבערגענומען?" - האב איך אים געפרעגט.

ער קוקט מיך אן און צו פארשטיין; "וואס איז די פראגע", האט ער מיר געענטפערט מיט וואונדער, "איך האב היינט זוכה געווען באקומען א סידור!". "און נאר צוליב דעם ביזסטו אזוי שטארק צורודערט?" - האב איך ווייטער געפרעגט. און דאס קינד, וואס איז זיכער ביי זיך ביזן היינטיגן טאג אז איך בין זיין אמת'דיגער פאטער, האט מיר געענטפערט ווען זיינע אויגן זענען נאס פון טרערן:

"טאטי, וויאזוי זאל איך נישט איבערראשט ווערן?! ענדליך האב איך שוין א אייגענע סידור. איך ווייס שוין ברוך ה' וויאזוי מ'דאווענט. יעצט וועל איך שוין קענען בעהטן פארן רבונו של עולם ער זאל מיר געבן א ברודער! טאטי, דו ווייסט אז איך וויל נישט בלייבן א בן יחיד. פון דעם היינטיגן טאג וועל איך נישט אויפהערן פון צו דאווענען און שרייען, וויינען און בעהטן - העלף מיך רבונו של עולם, מיט דיין גרויסע רחמנות, שיק מיר א קליינער זיסער ברודער!.

איך האב אזוי רחמנות געהאט אויף אים. הערנדיג אזא ריינע און תמימות'דיגע געבעהט פון דעם קינד איז מיין הארץ אין מיר צוגעגאנגען געווארן אויף דעם וואס איך קען אים נישט דערציילן די פשוטע פאקט, אז עס כמעט נישטא קיין שאנס אז זיין האפענונג זאל פארווירקליכט ווערן און מיר זאלן קענען ברענגען אויף דער וועלט א קינד וואס זאל זיין זיין ברודער".

יעצט האט דער דאקטער זיך אפגעשטעלט פון זיין ערציילונג, זיין שטימע איז דערשטיקט געווארן און עס איז אים שווער געווען צו איינהאלטן זיינע טרערן. קוים האט ער געקענט ענדיגן זיין ערציילונג:

"הויכגעשעצטער רב, פון יענע מסיבת סידור זענען אדורך אביסל מער פון ניין חדשים. יעצט קען איך דערציילן פארן רב אז היינט אינדערפריה האבן מיר זוכה געווען מיט סייעתא דשמיא אריינברענגען אונזער טייערער קינד וואס איז געבוירן געווארן נאך פופצן קינדערלאזע יאר, בבריתו של אברהם אבינו עליו השלום.

אויך נאכן וויסן אז אלע האפענונגען זענען אומזיסט, זעהט אויס אז די תפילה פונעם קליינעם יונגל וואס איז געזאגט געווארן מיט א תמימות און מיט א ריינע הארץ, האט אויפגעטון און געברענגט די ישועה למעלה מדרך הטבע".

'ופריו מתוק' בא

עיצובים shay

יו"ל ע"י
מכון הליכות החיים
לזיכוי הרבים בדבר ה' זו הלכה

# הליכות החיים

ע"י הרב נחום צבי מאיר ראזענפעלד שליט"א מו"ץ בשיכון סקווירא יע"א

בס"ד

**קדושים - אמור | שנת תשע"ט לפ"ק | גליון שמ"א**

לע"נ אאמו"ר הרה"ח ר' יעקב גרשון ב"ר שלמה ז"ל

## התורה אשר יורוך

### הלכות בשר בחלב

**גליון זה נתנדב**
לרגל ההילולא קדישא של
**הרה"ק ר' ישעי' ב"ר משה מקרעסטיר זצוק"ל**
יארצייט ג' אייר
זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל ישראל אמן
ולז"נ ר' **יעקב** ב"ר **מנחם צבי** ז"ל **קליין**
ת.נ.צ.ב.ה.

**אין דעם גליון שרייבן מיר הלכות בשר בחלב וואס זענען נוגע שבת.**

**א]** אויב מען באמערקט שבת אז דער טשאלנט ברענט זיך אביסל צו און מען וויל אויפהייבן דעם טאפ און אריינגיסן דערין הייס וואסער דירעקט פונעם טשייניק אדער פערקאלעיטער (נישט דורך א גלאז א.ד.ג. וואס איז אסור לויט א טייל פוסקים,)[1] אבער מ'וויל אז דער פארווע טשייניק זאל נישט ווערן פליישיג, איז די עצה ווי פאלגענד:

**ב]** ווען מען האלט שוין דעם טשאלנט טאפ אין די הענט זאל מען עפענען דאס דעקל פונעם טאפ אז די פארע פונעם טשאלנט זאל גיין אין דער לופט. דערנאך זאל מען האלטן נעמען דעם טשייניק און עס האלטן אביסל ווייט פונעם טאפ, אז די פארע פונעם טשאלנט זאל נישט אריין אינעם וואסער פונעם טשייניק, און אזוי זאל מען גיסן[2].

**ג]** אזוי אויך קען מען נעמען דאס דעקל פונעם טשאלנט טאפ און אפווישן די פארע דערפון, און ארויפגיסן דערויף דאס וואסער פונעם טשייניק און דערנאך עס אריינגיסן פונעם דעקל איינעם טאפ אריין.

**ד]** אויב מען ניצט א גרויסן טשייניק אדער פערקאלעיטער, קען מען אריינלייגן דערין א גלאז און עס אנפילן מיט וואסער, און דערנאך אריינגיסן פונעם גלאז אינעם טשאלנט, ווייל וויבאלד מען שטעקט אריין דאס גלאז אינעם פערקאלעיטער הייסט עס ווי דער טשייניק אליין, וואס אויף דעם אופן איז נישט אסור צו גיסן דורך א גלאז[3].

**ה]** אויב מען וויל אנווארעמען חלה פון פריזער, מעג מען עס לייגן אויפ'ן דעקל פון א "קראַקפּאָט" א.ד.ג., וואו עס איז נישט דער סדר צו באקן און קאכן, וויבאלד עס איז א טרוקענע זאך. מען דארף אבער אכטונג געבן אז די חלה זאל בלייבן פארווע. (ווי שוין דערמאנט אינעם גליון, אז א טרוקענע זאך וואס איז שוין געקאכט, אדער א זאך וואס איז געבאקן, מעג מען ארויפלייגן אויף א טאפ וואס איז אויפ'ן בלעך, וויבאלד ס'איז נישטא דערביי קיין בישול, ווייל ביי א דבר יבש [טרוקענע זאך] וואס איז שוין געקאכט איז "אין בישול אחר בישול" און "אין אפיה אחר אפיה", אבער מען טאר עס נישט ארויפלייגן אויפ'ן בלעך אדער האַטפּלעיט צוליב דעם איסור פון "חזרה".)

**ו]** דער אופן ווי אזוי מען קען עס טון איז ווי פאלגנד: מען קען אונטערלייגן זילבער-פאפיר (און לכתחילה איז כדאי צוויי שטיקלך זילבער-פאפיר) אויפ'ן דעקל פונעם טשאלנט, און עס אזוי ארויפלייגן אויפ'ן טאפ און עס בלייבט פארווע.

**ז]** מען דארף אבער זיין געווארנט, אז מען זאל נישט אנווארעמען די חלה גלייך ווען מען נעמט עס ארויס פון פריזער, נאר מען זאל עס ערשט לאזן ליגן אינדרויסן אביסל כדי דאס אייז זאל זיך אויפלאזן.

## הערות וציונים

**1.** משום פינה ממיחם למיחם דפינן ממיחם למיחם הוא איבעיא דלא איפשיטא בגמרא אם מותר בחזרה ובשועה"ר סי' רנ"ג מחמיר בזה והשעה"צ דעתו דמותר ועיין שו"ת אג"מ ח"ב סי' ס"ט ובשו"ת שה"ל ח"ג דיש להחמיר בזה.

**2.** עיין ספר שבת כהלכה פ"ט ס"מ ע' שצ"ב.

**3.** דרק פינה ממיחם למיחם אסור אבל אם מניח את הכלי לתוך המיחם עצמו אז הכלי נעשה כמו כלי ראשון ובפרט אם משהה שם זמן שירתיח בתוכו.

**4.** כמבואר בשו"ת שה"ל חי"א סי' ס"ז דאם מניח איזה דבר להפסיק מהני לכתחילה וכ"כ בשו"ת חייה"ל ח"ה סי' נ"ט.

**5.** כמבואר בשו"ת מנח"י ח"ט סי' ל"א דאין לחממו בשעה שיש עליו קרח כי הקרח מתבשל ועיין ספר מאור השבת סי' ח' אות קי"ט שמביא דעת המתירים ויש מחלקים בין מעט קרח להרבה.

## מכתבים למערכת

**לכבוד הרה"ג ר' הערשל ראזענפעלד שליט"א,**

אידן זענען זיך כסדר מחזק אינעם ענין פון נישט רעדן ביים דאווענען. אין דער זעלבער צייט איז וויכטיג צו געדענקען אז ווען עס קומט צו ענטפערן דברים שבקדושה דארף מען איבערהויפט נישט זיין שטיל, נאר אדרבא, נאכזאגן "ברוך הוא וברוך שמו" בקול רם און מחנך זיין דערצו די קינדער. מיר אלע ווייסן דאך וואס חז"ל זאגן וועגן דעם גרויסן כח פון ענטפערן "אמן יהא שמי' רבא" מיט כוונה און הויך אויפ'ן קול, אז עס איז מבטל אלע שלעכטע גזירות אפילו פון זיבעציג יאר.

ווי ווייט דאס אייןווארט "אמן" קען איבערדרייען א מענטש, איז מערקווירדיג וואס עס שרייבט דער "שומר אמונים" (ח"ב דף עב): איך האב געקענט א פשוט'ן מענטש, וואס האט זיך איינגעוואוינט צו זאגן "יהא שמי' רבא" מיט א הויכן און שטארקן קול, און **עס איז געווען קענטיג פאר יעדן איינעם אז עס האט געשוועבט אויף דעם מענטש קדושת השכינה**, ווייל דער כח פון "אמן יהא שמי' רבא" הויך אויפ'ן קול איז זייער גרויס.

בשייכות דערצו, וויל איך מיטטיילן א מעשה וואס איך האב אליין געהערט פון סערדאהעלער רב, הגאון הצדיק רבי משה ניישלאס זצ"ל, אב"ד דשיכון סקווירא, איבער אייער שווער, ר' אפרים פישל משה ב"ר אברהם אלימלך ז"ל (וואס זיין יא"צ פאלט אויס דעם חודש, ח' אייר):

באלד ווען עס האבן זיך געענדיגט די ימי השבעה נאך ר' פישל'ס פטירה, האט דעם רב זצ"ל זיך גע'חלומ'ט ווי רבי פישל קומט צו אים און זאגט אז ער געפינט זיך אויפ'ן עולם האמת, אבער ער קען נישט אנקומען למקום מנוחתו אין גן עדן צוליב איין זאך, ווייל ער איז שולדיג געבליבן חובות פאר מענטשן (ער איז אוועק פלוצלינג אין יונגן עלטער פון דריי-און-פערציג יאר).

דער רב, ברוב גדלותו, האט פארשטאנען אז עס איז אן אמת'ער חלום, און באלד צופרי איז ער אריין צום רבי'ן ז"ל און דערציילט דעם חלום. דער רבי ז"ל האט רעאגירט מיט התרגשות: "שוין?..." דאס הייסט, אזוי שנעל נאך זיין פטירה האט ער שוין געהאט די זכי' אנצוקומען אזוי הויך, אז נאר דאס געלט וואס ער איז שולדיג פאר מענטשן שטערט אים פון קענען אנקומען למקום מנוחתו, און דער רבי ז"ל האט געבעטן אז דער רב זאל עס איבערדערציילן נאכאמאל. (דער רבי ז"ל האט דאן געשטעלט איינעם וואס זאל מסדר זיין די אלע חובות וואס זענען געבליבן). עד כאן וואס איך האב געהערט פונעם רב ז"ל.

וואספארא זכות האט טאקע ר' פישל געהאט, וואס מיר ווייסן אז דער שכר דערויף איז זייער

‹‹‹ המשך בעמוד ב'

# במצות שבת גרוסה

**מלאכת זורה בורר מרקד (ה)**

**מדור זה נתנדב**
לזכות רפואתה השלימה והמהירה של
הילדה **לאה בת רבקה פרומה** תחי'
לרפוא"ש ברמ"ח איברים ושס"ה גידין בתשא"י

## ברירה בכלים ושאר דברים

***יברר רק מה שצריך לו עכשיו***

**א]** איסור בורר נוהג גם בשאר כל הדברים המעורבים יחד, כגון: כלים, בגדים, ספרים וכדו'. ודינם כנ"ל שמותר ליטול רק את הדבר הצריך לו עכשיו מתוך הדבר שאינו צריך לו עכשיו, ורק באופן שרוצה לשתמש בה לאלתר.

**ב]** אבל כלים ובגדים או ספרים שהם מסודרים בסדר יפה זה אצל לא שייך בהם איסור בורר[1].

***סידור והכנת השלחן***

**ג]** הרוצה לערוך ולסדר את השולחן לצורך הסעודה, וכלי הסעודה (הכפות והמזלגות והסכינים) הם מעורבים זה בזה, אסור לברם ולסדרם על מכונם ומקומם רק סמוך לסעודה דווקא.

**ד]** אבל אם כלי הסעודה אינם מעורבים, אלא כל מין ומין מסודר וניכר בפני עצמו, מותר להכינם ולסדרם על השלחן אפילו זמן מרובה קודם הסעודה.

**ה]** אבל גם בזה יש ליזהר שבשעת ההכנה לא יטול בידו אחת כמה כפות ומזלגות ביחד, כי שני המינים מתערבים בתוך ידו, ושוב אסור לברם ולסדרם רק סמוך להסעודה.

**ו]** וכן כשמנקה את השלחן לאחר האכילה, יזהר ליטול בידו יחד רק דברים שהם מסוג אחד, דהיינו שיטול הכלים הנקיים לחוד, וכלים שאינם נקיים לחוד, וכן יטול הדברים הנזרקים לאשפה לחוד, ודברים שאינם נזרקים לחוד, כי אם יטול שני סוגים ביחד, הרי הם מתערבים בזה בתוך ידו, וכשירצה אח"כ להניח כל דבר על מקומו יהא בזה משום איסור בורר.

***כלי שנפל לאשפה***

**ז]** כלי קטן שנתערב באשפה, כגון שאחר שקיפל המפה של פלעסטי"ק כדי להשליכו ראה שהשאיר בתוכו כף או מזלג, אין ליטלו משם אלא אם יש בדעתו להשתמש עמו תיכף אחר שיטלנו[2], ואפילו אם לא היה בדעתו מתחלה להשתמש בו עכשיו, מותר להערים ולהשתמש בו שימוש הרגיל כדי שיהא מותר להוציאו. והוא הדין בכף או מזלג שנפלו לתוך פח האשפה.

***ברירה בבגדים***

**ח]** מיני בגדים המעורבים זה בזה ורוצה ללבוש עכשיו בגד אחד מהם, מותר להוציאו מבין שאר הבגדים, אבל אם בדעתו להכינו על לאחר זמן אסור.

**ט]** ולכן הרוצה להכין בליל שבת את בגדי הילדים שיוכלו ללבשם בקומם בבוקר, אם הם מעורבים בתוך שאר בגדים אסור[3].

**י]** מי שהניח מעילו על ההענגער בביהמ"ד או באולם וכדומה, ואח"כ הניחו עליו שאר אנשים עוד מעילים זה על גבי זה, מותר לו לסלק המעילים העליונים כדי שיוכל ליטול את מעילו שמתחתיהם[4]. ויש שמחמיר שאין לעשות כן רק בתנאי שישתמש במעילו לאלתר[5].

***ברירה בספרים***

**יא]** מותר להוציא ספר מתוך ארון הספרים אף שאין בדעתו ללמוד בו עד לאחר זמן, ואין בזה משום בורר, כיון שהספרים אינם מעורבים זה בזה אלא כל ספר ניכר ומסודר בפני עצמו[6].

**יב]** אבל ספרים המונחים על השלחן בערבוביא וכדו', מותר לברור ספר משם רק כשדעתו ללמוד בו עכשיו.

**יג]** ואפילו אם בדעתו ללמוד בו רק לאחר זמן, אם מעיין בו עכשיו מעט מותר לברורו, כיון שבעיינו בו קיים מצות לימוד התורה הוי כבורר לאלתר, וכשהספר הוא כבר בידו שוב יכול להכינו גם על לאחר זמן[7]. אבל יזהר שעכ"פ יעיין בו באמת.

**יד]** מי שמכין לעצמו חומש בשבת בבוקר קודם התפילה (באופן שספרים מונחים בערבוביא), יש אומרים שאין צריך לעיין בו אפילו מעט, כי סדר התפלה וקריאת התורה הוא ענין אחד, ולכן כשמכינו סמוך להתפלה הרי הוא כבורר סמוך לסעודה שמותר לו לברור כל מה שיצטרך במשך הסעודה[8].

## הערות ומ"מ

1. שועה"ר שם, מ"ב שם.
2. שועה"ר סעיף ח, מ"ב ס"ק טו.
3. מנחת שבת סי' פ ס"ק ע.
4. ביה"ל ד"ה לאכול.
5. עיי"ש בלשון הביה"ל ומ"ב סקט"ו.
6. שו"ת מהרש"ג חלק א סי' נ"ד, שביתת השבת מלאכת בורר אות כ"ו.
7. מנחת שבת בשיירי מנחה סי' פ' ס"ק כד, שו"ת אג"מ חלק ד' סימן ע"ד אות י"ב.
8. איל משולש פרק ח' הע' ע"ו.

## מכתבים למערכת

»»» המשך מעמוד א'

גרויס? ר' פישל איז שטענדיג געווען א "רחים ומוקיר רבנן" און האט זיך באמיט מקיים צו זיין די ווערטער פון חז"ל צו ענטפערן "אמן יהא שמי' רבא" הויך און מיט זיין גאנצן כח, און טאקע ווי דער זוהר הקדוש שרייבט אז אויסער דעם וואס "בכל כוחו" מיינט "בכל כוונתו", מיט דער גאנצער כוונה, מיינט עס אויך כמשמעו, מיט'ן גאנצן כח ממש. (דער זוהר הקדוש אין פרשת פינחס זאגט, אז מ'דארף ענטפערן "אמן יהא שמי' רבא" מיט'ן גאנצן כח, מיט אלע איברים.) ר' פישל האט דאס מקיים געווען בשלימות, און דאס בית המדרש האט געדונערט פון זיין ענטפערן איש"ר. עס דערציילן אידן, אז אין די שבעה-טעג, האט דער רבי ז"ל זיך צעקרעכצט און געזאגט, אז עס פעלט דער "אמן יהא שמי' רבא". און ווען מען ענטפערט אמן און איש"ר הויך אויפ'ן קול, איז דער זוהר הקדוש מגלה, אז עס ווערן געעפנט פאר'ן מענטש אלע שערים אין הימל, און די נשמה קומט אן אויבן אן קיין שום אפהאלט.

פאלגנד איז דער לשון פונעם זוהר הקדוש אין פרשת האזינו: ווען אידן דא אונטן גיבן אכטונג צו ענטפערן אמן און מכווין זיין מיט'ן הארץ ווי עס דארף צו זיין, וויפיל גוטס זענען זיי גורם דערמיט! און וואס איז זייער שכר? דער שכר אויף דער וועלט איז, אז אויב איינער איז זיי מצער און טוט זיי דערדריקן, און זיי זענען מתפלל צום רבוש"ע אין זייער נויט, רופט אויס א קול אין אלע עולמות **"פתחו שערים ויבא גוי צדיק שומר אמונים"** - לייען עס נישט שומר "אמונים", נאר שאומרים אמן "אמנים" - אזוי ווי די אידן האבן געעפנט די שערי ברכות, אזוי זאל מען אויך עפענען פאר זיי די שערים, אז זייערע תפלות זאלן געענטפערט ווערן און די וואס ווילן זיי שלעכטס טון זאלן נישט האבן אויף זיי קיין שליטה.

**און וואס איז זייער שכר בעולם הבא?** אז ווען דער מענטש ווערט נסתלק פון דער וועלט, און ער איז געווען געווארנט צו זאגן אמן, און זיין נשמה קומט ארויף אויבן אין הימל, ווארט אים דארט אפ די ברכה אויף וואס ער האט געענטפערט אמן און רופט אויס פאר אים "פתחו שערים" - אזוי ווי ער האט געענטפערט אמן און געעפנט דערמיט די טויערן, **אזוי זאלן אויך יעצט געעפנט ווערן פאר אים אלע טויערן.**

בזכות פון זיין נזהר אין דעם, זאלן מיר זוכה זיין, אז אלע שלעכטע גזירות זאלן בטל ווערן, און יעדער זאל זוכה זיין צו אלע ישועות ורפואות, ביז עס וועט קומען די גאולה שלימה השתא בעגלא ובזמן קריב.

ידידכם משיכון סקווירא

***

**לכבוד מכון הליכות החיים,**

עס דערציילט איינער פון די אנשי החסד אין שיכון סקווירא: א צייט צוריק איז א איד געקומען צו מיר און געפרעגט, צי איך האב א "פעד-עקס" אקאונט, און צי איך וואוין אויף דעם און דעם אדרעס. איך האב אים געזאגט אז יא און געפרעגט פארוואס ער פרעגט מיר דאס. זאגט מיר דער איד: איך האב פאר דיר א גרוס פון א תפיסה, וואו דו ביסט מקיים טעגליך פדיון שבויים.

איך קוק אן דעם איד מיט א וואונדער. איך

»»» המשך בעמוד ג'

# התורה אשר יורוך

## הלכות וואס גייען אן אין די טעג פון ספירה

**מדור זה נתנדב**
ע"י ידידינו הנכבד
מוה"ר **יוסף דוב ראזענבערג** הי"ו
לרגל שמחת הכנסת בנו כמר **מנחם צבי** נ"י לבריתו של אאע"ה
ויה"ר שיזכה לרוות רוב נחת דקדושה מכל יו"ח
בבריות גופא ונהורא מעליא

**א]** מען פירט זיך, נישט חתונה צו מאכן און זיך נישט שערן די האר צווישן פסח און שבועות, ווייל אין די טעג טרויערט מען אויף די פיר-און-צוואנציג טויזנט תלמידים פון רבי עקיבא, וואס זענען נפטר געווארן אין די טעג פון ספירה.

**ב]** עס זענען דא וואס זאגן אז דער טעם איז ווייל דער משפט פון די רשעים אין גיהנם, לויט רבי יוחנן בן נורי, איז פון פסח ביז שבועות, און אויך ווייל דאס זענען ימי דין אויף תבואה, און צוליב דעם ברענגט מען דעם קרבן עומר פון שעורים (עיין ח"י סי' תצ"ג סק"ג).

### דער זמן פון ספירה

**ג]** עס זענען דא עטליכע שיטות און פארשידענע מנהגים אין דעם, ווען עס גייען אן די זאכן וואס מען טאר נישט טון אין די ספירה-טעג.

**ד]** לויט שיטת האריז"ל, איז מען מחמיר אויף די הלכות און מנהגים פון ימי הספירה אנגעהויבן פון ווען מען הייבט אן ציילן ספירה ביז שבועות, אויסער לגבי זיך אפשערן, וואס עס זענען דא פלעצער וואו מען שערט זיך מ"ח לעומר (ווי עס איז אויך דער מנהג אין סקווירא), און עס איז דא וואו מען שערט זיך מ"ט לעומר (ובשנה זו שערב שבועות חל בשב"ק גם הם נוהגים לספור במ"ח).

### חתונה האבן אין די ימי הספירה

**ה]** אויך די וואס פירן זיך ווי שיטת האר"י מעגן גיין צו א חתונה פון קרובים און ידידים וואס פירן זיך ווי די אנדערע שיטות, און מקיים זיין די מצוה פון משמח זיין חתן וכלה, וויבאלד פאר חתן-כלה איז דאס די צייט פון זייער שמחה. (עי' שו"ת אגרות משה או"ח א' סי' קנ"ט ואו"ח ב' סי' צ"ב, ויש פוסקים להחמיר, עי' שו"ת מנח"י ח"ד סי' פ"ב וכ"כ בספר מבית הלוי שילך רק לומר מז"ט ולא ישתתף בהסעודה ובהרקודים).

### שערן די האר

**ו]** דער איסור פון שערן די האר גייט אן סיי ביי מענער און סיי ביי פרויען און מיידלעך, אבער פרויען מעגן זיך שערן לצורך צניעות, און אזוי אויך מאכן "וועקסינג" ווען עס פעלט אויס.

### שליסן שידוכים און מאכן א סעודת תנאים

**ז]** מען מעג שליסן שידוכים און מאכן א סעודת תנאים. אויך מעג מען אויך מאכן סתם א סעודה, אפילו א סעודת רשות, אָן א גרויסער שמחה. מען טאר אבער נישט מאכן קיין טענץ. אבער ביי א סעודת מצוה זענען דא פוסקים וואס זענען מתיר (בספר הליכות שלמה פי"א מביא שריקוד הוא גם אם אחד או שנים רוקדים ומחול היינו ריקוד הרבה אנשים יחד ע"י סיבוב כמו מחול הכרם).

### שפילן מוזיק אדער הערן מוזיק

**ח]** מען טאר נישט שפילן אדער הערן מוזיק, און אויך קינדער וואס זענען שוין אנגעקומען אין עלטער פון חינוך דארף מען מחנך זיין דערמיט.

**ט]** קליינע קינדער מעגן אבער יא שפילן מיט שפילערייען וואס גיבן ארויס קלאנגען פון מוזיק און געזאנג.

### סי-די"ס אן מוזיק

**י]** עס ווערט געברענגט אין די פוסקים אז הערן קאסעטעס, סי-די'ס פון נגינה א.ד.ג. גייט אויך אריין אינעם איסור, אויך אויב עס האט נישט קיין מוזיק, און ספעציעל די וואס ווערן געמאכט אויף א פראפעסיאנעלן אופן (אין א סטודיו א.ד.ג.).

### נישט מאכן די ברכה שהחיינו

**יא]** מען מאכט נישט די ברכה שהחיינו אין די ספירה-טעג, ווייל עס זענען ימי דין (און דערפאר עסט מען נישט א נייע פרי אין די דאזיגע טעג). עס זענען דא וואס האלטן אז אויך אין די שבתים פון די ספירה-טעג מאכט מען נישט שהחיינו. (עיין מקור חיים להחוו"י וכן מנהגינו, ויש מקילין לברך שהחיינו בשבת).

**יב]** די וואס פירן זיך צו מאכן שהחיינו ביים געבורט פון א טאכטער קענען עס זאגן אויך אין די ספירה-טעג.

### נייע קליידער אום ספירה

**יג]** מען טוט נישט אן קיין נייע חשוב'ע קליידער אום ספירה, כאטש מען פירט זיך נישט צו מאכן שהחיינו ווען מען טוט אן א נייעם בגד. אויב מען האט עס שוין אנגעטון פאר עטליכע מינוט געהעריג נאך פאר ספירה, מעג מען עס אנטון ספירה.

**יד]** עס זענען דא וואס פירן זיך אז אפילו נישט אזעלכע חשוב'ע קליידער, ווי צב"ש א העמד, טוט מען אויך נישט אן, אבער אונטער-וועש, שטרימפ, אדער קליידער וואס מען ניצט נאר פאר'ן שלאפן, אד"ג, מעג מען יא אנטון. אויך מעג מען אנטון נייע שיך אויב עס פעלט אויס.

### באנייען האנטיכער א.ד.ג.

**טו]** מען מעג באנייען האנטוכער, געוועגליכע טישטוכער (נישט זייער טייערע), א.ד.ג., אין די ימי הספירה.

### פעינטען דאס הויז א.ד.ג.

**טז]** מען מעג פעינטען דאס הויז אין די טעג, און אזוי אויך אראפשטעלן א קאַרפעט, טיילס אד"ג.

**יז]** אויך מעג מען קויפן נייע שטוב-כלים. אבער טייערע זאכן וואס ברענגען צו א גרויסע שמחה, למשל א נייער קאר אדער נייע מעבל, זאל מען לכתחלה מחמיר זיין. צו קויפן א קאר לצורך פרנסה קען מען אבער מקיל זיין.

### זיך אריינצוציען אין א נייע הויז

**יח]** אויך זענען דא וואס פירן זיך לכתחלה זיך נישט אריינצוציען אין א נייעם הויז אין די ספירה טעג, אויסער אויב מען האט שוין געמאכט פריער א חנוכת הבית. אדער ל"ג בעומר און אין די שלושת ימי הגבלה, וואס דעמאלט איז מען מקיל.

## מכתבים למערכת

»»» המשך מעמוד ב'

בין דאך קיינמאל נישט געווען אין יענער תפיסה בכלל. דערציילט ער מיר, אז ער גייט אהין צו דער תפיסה פון צייט צו צייט, באזוכן דארט איינעם וואס איז פאראורטיילט געווארן אויף לאנגע יארן ה"י. מ'קען זיך אוודאי נישט פארשטעלן דעם גרויסן צער פון דעם איד, אבער ווי דער איד אליין דערציילט, איז דא אויך א שטראל פון ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש, און דער תפיסה-וועכטער באציט זיך צו אים זייער שיין און מענטשליך און פרובירט אים ארויסהעלפן מיט אלעם וואס איז מעגליך.

הערנדיג וועגן דער גוטער באציאונג פונעם וועכטער, איז עס אים געווען א חידוש, ווייל בדרך כלל איז דער מציאות אנדערש, און די באאמטע וויזן נישט ארויס קיין ווארעמקייט צו די ארעסטאנטן, מילד גערעדט. ביי א געלעגנהייט, האט ער געפרעגט דעם שומר, פון וואו עס נעמט זיך צו אים אזויפיל ווארעמקייט און מענטשליכקייט, וואס לויט ווי עס דערציילט דער ארעסטאנט, באציט ער זיך צו אים גאר העפליך און באמיט זיך אים שטענדיג ארויסצוהעלפן און גרינגער מאכן.

זיין ענטפער איז געווען, אז יארן צוריק איז ער געווען א דרייווער פאר דער "פעד-עקס" קאמפאני אין אונזער געגנט, אין שיכון סקווירא, און ער האט זיך באגעגנט דא מיט אידן וואס האבן זיך אויפגעפירט צו אים גאר ווארעם און אנשטענדיג, און אים מענטשליך געגריסט. באזונדערס - דערציילט מיר דער איד - געדענקט דער שומר מיין אדרעס, ווייל איך פלעגן אים אלעמאל גריסן מיט מענטשליכקייט, און ער האט דעמאלט באקומען א גוט געפיל צו אידן. שפעטער, ווען ער איז אנגעקומען צו דער שטעלע אלס שומר אין תפיסה, האט ער געהאט א באזונדער געפיל ארויסצוהעלפן אידן, און דערפאר גיט ער זיך אפ גאר שיין מיט די אידישע ארעסטאנטן.

די מעשה טוט ארויסברענגען וויפיל מ'קען אויפטון מיט אן איידעלער און מענטשליכער אויפפירונג, ווי עס פאסט פאר א איד. מצוה גוררת מצוה, און אדאנק זיך אויפפירן מענטשליך מיט דעם פשוט'ן טראק-דרייווער און מאכן א קידוש ה', קומט ארויס א מצוה פון פדיון שבויים ווייט אוועק, צו מאכן גרינגער פאר אידישע ברידער און אריינברענגען א ליכטיגקייט אין די הערצער פון די יושבי חושך אסירי עני וברזל, וואס שמאכטן נעבעך אין די טורמעס. זאל השי"ת ליכטיג מאכן פאר אלע אידן וממצוקותיהם יושיעם.

(-)

***

**לכבוד מכון הליכות החיים,**

דער מדרש רבה אין פרשת אמור ברענגט א מעשה, אז רבי שמעון ברבי האט חתונה געהאט, און רבי האט נישט גערופן בר קפרא צו דער חתונה. בר קפרא האט געהאט חלישות הדעת און ער האט געשריבן אויף דער טיר פונעם זאל, אז ר' שמעון וועט חלילה נפטר ווערן.

ווען רבי האט דאס געזען דאס און האט געהערט אז בר קפרא האט עס געשריבן, האט ער דעם אנדערן טאג געמאכט נאכאמאל א סעודה לכבוד בר קפרא. בר קפרא האט גע'דרש'נט דארט

»»» המשך בעמוד האחרון

# ממונם של ישראל

## שאלות השכיחות בעניני ממונות

**מדור זה נתנדב**
ע"י ידידנו הנכבד
מוה"ר **יוסף רייכארד** הי"ו
לז"נ **הרה"ק ר' ישעי' ב"ר משה מקרעסטיר זצוק"ל** זכותו הקדוש יגן בעדו ובעד משפחתו ועכי"א

***<u>תרם חפץ לעני והלה קיבל עליו ריבעי"ט</u>***

**שאלה: ראובן שאמר לקרובו עני שמעון שרוצה לנדב לו לכבוד פסח מאשין חדש, כגון פריזע"ר או תנור או וואש-מאשין, וביקש ממנו לברר המחיר, ואמר לו קרובו שזה עולה סכום של 1250** (לדוגמא)**, והלה מסר לו הקרעדי"ט קארד שלו על זה, או שאמר לו שהוא יקדים לשלם משלו ואח"כ יחזיר לו מלוא הסכום, וכן עשה.**

**והנה אחרי שהגיע החפץ לבית שמעון, מצא בו טופס שאפשר לקבל בו בחזרה קצת מן הסכום מאת המוכר [הנקרא "ריבעי"ט"] ומילא שמעון הטופס ואחרי זמן קיבל סכום הריבעי"ט של מאה וחמישים לדוגמא. האם צריך להחזיר סכום זה לראובן הנדיב, כיון שמסתבר שדעתו לא הי' לשלם רק הסכום שמתחייב שמעון, או דכיון שלקבל הריבעי"ט צריכים להשתדל ולמלאות הטופס וכדו' והרבה אנשים נמנעים מזה, הרי זה ריווח של שמעון, וגם אולי יש בזה חשש של נדר לצדקה, כיון שראובן קיבל על עצמו לנדב לו מלוא הסכום שהודיע לו בתחלה. מהו הדין?**

**תשובה:** נראה שצריך להחזיר כסף של הריבעי"ט ליד הנדבן, דנקטינן כי הוא לא רצה ליתן רק המחיר האמיתי (ואין חילוק באיזה מן האופנים הוא שילם). כי כשמקבלים ריבעי"ט של מאה דאלער, הרי זה אומר שהמחיר הוא רק אלף ומאה וחמישים (רק המוכרים עושים זה בדרך של ריבעי"ט כדי לפתות אנשים שיקנו את זה, וגם כיון שהרבה אינם מגיעים למלאות הטופס ומרוויחים בכך).

והגם שאם לא הי' שמעון ממלא את הטופס, לא היה מתקבל הריבעי"ט, מסתבר דמ"מ בעל המעות זוכה בו, ולא תועיל אם כיוון שמעון בעת סידור הטופס שיהיו המעות לו (רק שכר טירחא אפשר שיכול לנכות).

ואין בזה חשש של נדר לצדקה, כיון שהוא נדר בטעות, שלא היה בדעתו רק מה שיעלה סכום הקנין, ולא לשלם גם מה שהקונה יקבל בחזרה. אך אם כשהודיע לו שמעון העני בתחלה שיש ריבעי"ט על דבר זה, ואמר הנדבן שהוא מוחל לו הריבעי"ט ודאי שהוא שייך לשמעון, ואף אם נמלך אחר כך ומבקש אותו, לא מהני, כיון שהוא כנדר לצדקה.

ופשוט דהוא-הדין אם הנדבן נתן לו הממון בחודש אדר, וכשהלך בחודש ניסן לקנותו הי' עליו סעי"ל של מאה דאלער, שצריך להחזיר המאה ליד הנדבן.

***<u>הוסיף דמי ניכוי האחוזים כשילם בקרעדיט-קארד - ולא ניכו</u>***

**שאלה: אומן פרטי שבדרך כלל משלמים לו במזומנים, כגון סופר או בתים-מאכער וכדו', ואחד קנה ממנו בעבור אלף דאלער, או כגון שהזמין אצלו מלאכה בשווי של אלף דאלער, אך הקונה או המזמין אמר לאומן שאין לו מזומנים או טשעקס לשלם, ויכול לשלם לו רק ב'קרעדיט קארד', ואמר לו האומן שאינו יכול לגבות מקרעדיט קארד בעצמו** (שאין לו ה'מאשין' לזה וכדו')**, ויצטרך ליתן לבעל עסק אחר שיגבה הממון בעבורו, והלה הרי ינכה כמה אחוזים** (פראצענ"ט) **כדרך הסוחרים, אמר לו הקונה שמסכים לזה ונתן לו מעות מזומנים כפי הסכום שיעלה האחוזים שינכו לו כשיתננו לאחר לגבותו. - אך לאחר זמן האומן קנה צרכי עצמו אצל חנות פלוני, ושילם עם קרעדיט קארד ההוא את כל הסכום, ושם לא ניכו לו כלום. - האם צריך להחזיר דמי האחוזים שהוסיף לו הקונה ששילם אצלו עם קרעדיט קארד, או דכיון שהבין הקונה כי לאומן פרטי כזה יצטרך להוסיף, הרי זה גמר ונתן בכל אופן?**

**תשובה:** נראה פשוט שצריך להחזיר שויות האחוזים, דכיון שחוב שלו היה רק אלף דאלער, ומה שהוסיף ליתן לו דמי האחוזים, היה רק על צד שחשש שינכו אצלו ולא יקבל כל הסכום על עבודתו, הרי עכשיו שלא ניכו אצלו כלום, צריך להחזירם להקונה. שהקונה לא הי' כוונתו שאומן ישתכר מזה עוד, רק שלא יפסיד על ידי זה, וכיון שלא הי' לו הפסד, אלא קיבל כל שכרו, אין צריך להפסיד דמי הפראצענט. [וכן הדין פשוט, במי שלוה שני אלפים מחבירו, וכשהגיע הזמן לשלם אמר הלווה שאין לו מעות מזומנות (קעש) לשלם בהן, רק קרעדיט קארד, והמלווה הסכים לזה אך בתנאי שיוסיף לו הלווה גם דמי האחוזים כדי שיהי' פרעונו שלם, ולמעשה נתנו המלוה לחנות שלא ניכו ממנו כלום, ג"כ הדין שצריך להחזיר לו את השאר, ועוד, דבאופן כזה יש בו גם משום ריבית].

## מכתבים למערכת

»»» המשך מעמוד ג'

אזוי לאנג ביז דאס עסן איז קאלט געווארן, און ער האט געזאגט אז ער וויל ווייזן דערמיט אז עס האט אים נישט ווי געטון וואס מען האט אים נישט געגעבן צו עסן, נאר וואס מען האט אים נישט גערופן צו דער סעודה.

דער "מאור ושמש" ערקלערט, אז דער מדרש דערציילט דאס ביי דער פרשה פון ספירת העומר, ווייל די ימי הספירה זענען געגעבן געווארן אויף אחדות, ווי עס שטייט אין די ספרים הקדושים. און דערפאר זענען די תלמידים פון רבי עקיבא געשטארבן אין די ספירה-טעג, ווייל די טעג זענען געגעבן געווארן צו ארבעטן אויף אחדות, און זיי האבן נישט נוהג כבוד געווען איינער אין אנדערן. דערפאר דארפן מיר באזונדערס שטארק אכטונג געבן צו מתקן זיין דעם ענין.

א תלמיד חכם מפורסם און חשוב'ער ראש ישיבה דערציילט: אלס קינד בין איך פאר'יתומ'ט געווארן יונגערהייט פון מיין טאטן ע"ה. די מאמע האט מיט אלע כוחות פראבירט פירן די שטוב ווייטער, אבער דאס ארעמקייט איז געווען גרויס. מען האט, ברוך ה', געהאט צו עסן, אבער נייע בגדים האט מען קיינמאל נישט געקויפט. איינמאל האט די מאמע מיר געזאגט, אז אויף קומענדיגן ראש השנה וועט זי מיר אם ירצה ה' קויפן א נייע בעקיטשע. מיר איז דאס געווען א שמחה עצומה וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן. ווען האב איך דען פריער געהאט אזוינס, א נייע בעקיטשע? יעדע וואך האט די מאמע אוועקגעלייגט א פאר פרוטות, ביז ערב ראש השנה, ווען מען איז געגאנגען אינעם געשעפט קויפן די בעקיטשע.

איך האב געפילט ווי א חתן ביום חופתו, און איך בין געווען זיכער אז ווען איך וועל קומען אין בית המדרש וועט יעדער איינער צוקומען און מיך באגריסן איבער דער נייער בעקיטשע. קיינער איז אבער נישט צוגעקומען, און קיינער האט זיך נישט אנגערופן קיין גוט ווארט. עס האט מיך זייער ווי געטון. איך האב געטראכט, אז אפשר ביים אנהייב דאווענען איז יעדער נאך אנגעצויגן וועגן דעם יום הדין, אבער אויפ'ן וועג אהיים, ווען מען ווינטשט זיך "לשנה טובה" און די געמיטער זענען מער געהויבן, וועט מען צוקומען און מיר זאגן ווי שיין עס איז די בעקיטשע. איך האב זיך אבער גענארט. קיינער איז נישט צוגעקומען און גארנישט געזאגט.

איך בין געווארן זייער צעבראכן און אהיימשפאצירט מיט פארטרויערטע אויגן, פילנדיג אנטוישט און איינזאם. אזוי גייענדיג, האב איך דורכשפאצירט ביים גערער בית המדרש. איך האב געזען ווי עס שטייט דארט א ריזיגע שורה מיט מענטשן וואס דאווענען אינדרויסן אוןווארטן דערנאך דורכצוגיין ביים גערער רבי'ן, דעם "בית ישראל", נעמען פון אים א ברכה אויפ'ן נייעם יאר. כ'האב געטראכט, לאמיך אויך אריינגיין, און איך האב זיך געשטעלט אין דער שורה צווישן די טויזנטער מענטשן. איך האב געפילט זייער עלנד, זייענדיג א פרעמדער צווישן אזויפיל מענטשן בליעה"ר, וואס קיינער קען מיך נישט ווייסט ניטאמאל אז איך לעב אויף דער וועלט. ווען איך בין אנגעקומען צום רבי'ן און ער האט מיך דערזען, האט ער מיך צוגעשלעפט צו זיך. ער האט מיך אנגעכאפט ביים ארעם און געזאגט מיט התרגשות: "פשש... פשש..." ווייזנדיג מיט דער האנט אויף מיין נייער בעקיטשע.

אט-דער "פשש..." האט אריינגעבלאזן אין מיר א חיות, און עס האט מיר געגעבן חיזוק ווייטער אנצוגיין. ווען איינער פרעגט מיר היינט, וואס עס האט מיר געגעבן די כוחות צו שטייגן די אלע יארן און זיין א בן תורה, קען איך זאגן אן קיין שום ספיקות: דאס איז דער "פשש..." פונעם "בית ישראל", וואס צווישן טויזנטער אידן וואס זענען ביי אים דורכגעגאנגען, האט ער געהאט די מחשבה און געטראפן מיט וואס מחי' צו זיין א צעבראכן קינד.

יעדער איינער קען דאך ניצן אזויפיל חיזוק. ווי גוט וואלט געווען, אז יעדער איד זאל מקבל זיין אויף זיך צו גריסן אנדערע און נישט אוועקגיין פון בית המדרש פאר ער טרעפט כאטש איינעם, אויפ'ן וועג אריין אדער אויפ'ן וועג ארויס, צו זאגן פאר יענעם עפעס א באזונדער גוט ווארט.

(פון די "אמונה ובטחון וואויס-מעילס" פון הרב ר' משה מנחם טויבענפעלד שליט"א)

כל הזכויות שמורות | הרשות נתונה לצלם הגליון ע"מ להפיצו, **ואין להעתיק תוכן הגליון בלי רשות בכתב מהמערכת**
הערות והארות בכתב יתקבלו ע"י מספר הפקס החדש 845-538-4625 או באימייל 3645084@gmail.com | הרוצים להשיג גליון זה בתמידות נא לצלצל 845-459-2885

# נועם הילדים

לימוד ספר הקדוש נועם אלימלך

פאר קינדער

פרשת קדושים תשע"ט




# גְרוֹנָם בַּיים קֶעניִג

**ווִידֶער** אִיז גְרוֹנָם אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ לִינְקֶע מָאד: "אוֹי וֵויי - קְרֶעכְצְט עֶר - שׁוֹין וַוייטֶער רֶעגְנְט".

**גְרוֹנָם** קוּקְט אַרוֹיס פוּן פֶענְסְטֶער, עֶר זֶעט אַז ס'רֶעגְנְט אֲפִילוּ נִישְׁט: "אוֹי! - שְׁרֵייט עֶר - פַארְוָואס רֶעגְנְט נִישְׁט! שׁוֹין אַפָּאר וָואכְן הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, וִויאַזוֹי וֶועלְן מַיינֶע בְּלוּמֶען וַואקְסְן?".

**אוּן** אַזוֹי, אוֹיפְגֶעבְּלָאזְן אוּן גֶערֶעגְט, טְרַאכְט עֶר שְׁוַוארְצֶע פַארְוָואלְקְנְטֶע מַחְשָׁבוֹת, בִּיז ס'הָאט טַאקֶע אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ רֶעגֶענֶען. נִישְׁט פוּן הִימְל, נָאר פוּן גְרוֹנָם'ס אוֹיגְן.

**עֶנְדְלִיךְ** הָאט עֶר זִיךְ אַבִּיסְל בַּארוּאִיגְט, אוּן עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען דַאוֶונֶען.

**שְׁפֶּעטֶער** אִין טָאג הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט, אַז עֶר הָאט שׁוֹין צֶען מָאל פַארְגֶעסְן זִיךְ צוּ דֶערְמַאנֶען, אַז עֶר טָאר נִישְׁט פַארְגֶעסְן דִי וִויכְטִיגֶע זַאךְ וָואס עֶר דַארְף גֶעדֶענְקֶען... אַז עֶר זָאל גֶעדֶענְקֶען נִישְׁט צוּ פַארְגֶעסְן... צוּ פָארְן בַּאזוּכְן דֶעם קֶעניִג פוּן קְרָאקֶע, וָואס צְוֵויי וָואכְן צוּרִיק הָאט עֶר גֶעהֶערְט, אַז מְ'קֶען דָארְט גֵיין בַּאזוּכְן, נָאר עֶר הָאט פַארְגֶעסְן. הָאט עֶר זִיךְ יֶעצְט דֶערְמַאנְט פוּן דֶעם, אוּן אָפְּגֶעמַאכְט פֶעסְט, אַז עֶר וֶועט מֶער נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם, עֶר וֶועט שׁוֹין גֶעדֶענְקֶען צוּ אַרוֹיסְפָארְן.

**גְרוֹנָם** הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט בַּיים הוֹיפְּט גַאס, אוּן אוֹיסְגֶעשְׁטְרֶעקְט זַיין הַאנְט צוּ כַאפְּן אַ הִיטְשׁ.

**אַ** קַאר שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אוּן פְרֶעגְט: "וואוּ וִוילְט אִיר גֵיין?".

**גְרוֹנָם:** "קַיין קְרָאקֶע".

**דְרַייוֶוער:** "קְרָאקֶע אִיז דָאךְ אַן אַנְדֶערֶע לַאנְד, מְ'קֶען דָארְט נָאר אָנְקוּמֶען מִיט אַ פְלִיגֶער".

**גְרוֹנָם:** "הֵייסְט אַז אִיךְ דַארְף כַאפְּן אַ הִיטְשׁ מִיט אַ פְלִיגֶער? וֶוען פָארְן דִי פְלִיגֶערְס דָא אַדוּרְךְ?".

**דְרַייוֶוער:** "אַ הִיטְשׁ מִיט אַ פְלִיגֶער? גַאנְץ אַ גוּטֶע פְּלַאן. אֶפְשָׁר וֶוען אִיר וֶועט דָא שְׁטֵיין פַאר הוּנְדֶערְט יָאר אִין אַ צוּ וֶועט זִיךְ אַ פְלִיגֶער אָפְּשְׁטֶעלְן פַאר אַייךְ".

**גְרוֹנָם:** "נוּ, אוֹיב וִויל אִיךְ פָארְן אַבִּיסְל פְרִיעֶר?".

**דְרַייוֶוער:** "זָאלְט אִיר מוֹחֵל זַיין אוּן גֵיין קוֹיפְן אַ טִיקֶעט אַזוֹיוִוי אַלֶע מֶענְטְשְׁן?".

**נוּ,** אַז מְ'הָאט נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה הָאט מֶען נִישְׁט קַיין בְּרֵירָה, זֶעט אוֹיס אַז פוּן זַיין אַן אוֹיבֶער חָכָם, קוּמְט מֶען אִין עֶרְגֶעץ נִישְׁט אָן. אִיז גְרוֹנָם טַאקֶע גֶעגַאנְגֶען וִוי אַ טַאטֶעלֶע, אוּן זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ טִיקֶעט.

**נָאךְ** אַ לַאנְגֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג אִיז עֶר עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען צוּם פַּאלַאץ, מִיט אַלֶע זַיינֶע רֶענְצְלֶעךְ. עֶר הָאט זִיךְ בַּאקְוֶועם גֶעמַאכְט, אוּן אַלֶעס אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אִינְמִיטְן דֶעם הָאל.

**אַ** מְשָׁרֵת אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט: "אַנְטְשׁוּלְדִיגְט אַייךְ, דָא אִיז נִישְׁט קַיין הָאטֶעל, בִּיטֶע נֶעמְט אַייעֶרֶע זַאכְן, אוּן גֵייט אַרִיבֶּער צוּ אַן הָאטֶעל".

**גְרוֹנָם:** "מְ'מֶעג נִישְׁט דָא זַיין?".

**מְשָׁרֵת:** "מְ'קֶען דָא קוּמֶען בַּאזוּכְן, אָדֶער קֶען

וכי תזבחו זבח כו' (יט, ה). פירוש שהתורה מלמדת אותנו כשנזבח זבחי היצר הרע שלמים לה', רצה לומר יהיה הזביחה שלימה כולה לה'. ומפרש הכתוב לרצונכם תזבחוהו, פירוש שתזבחו להרצון שלכם שלא תהיה כוונתכם באכילה למלאות תאות נפשכם אלא כל כוונתכם יהיה לעבודת הבורא שיהיה לך כח ובריאות לעבודתו: וזהו ביום זבחכם יאכל, פירוש כאלו נאכל ממילא שבלתי אפשרי בלא זה ועיקר כוונתו להמשיך השפעות על ידי אכילתו וממחרת, רצה לומר שיקבל שכרו לעולם הבא על דרך שאמרו חז"ל (עירובין כב א) היום לעשותם ולמחר לקבל שכרם והנותר ביום השלישי, פירוש אם תרצה שיותר לך ליום השלישי, פירוש לזמן משיח צדקנו שזה נקרא ביום שלישי כמו שנאמר (הושע ו, ב) ביום השלישי יקימנו ונחיה לפניו באש ישרף, צריך אתה לעבוד הבורא בלהבות אש ודביקות גדול ברשפה אש ושלהבת ובאמת ותמים:

מֶען דָא קוּמֶען אַרְבֶּעטְן. אָבֶּער אַיינְשְׁטַיין דַארְף מֶען עֶרְגֶעץ אַנְדֶערְשׁ".

**גְרוֹנָם:** "וָואס זָאגְט אִיר, מְ'קֶען דָא אַרְבֶּעטְן?".

**מְשָׁרֵת:** "יָא יָא, סְ'אִיז דָא אַסַאךְ צוּ טוּן. מְ'דַארְף דָא הִילְף צוּ רֵיינִיגְן יֶעדֶע נַאכְט; מְ'דַארְף הִילְף אִין קִיךְ. מְ'דַארְף זֶען, אַז דֶער קֶענִיג'ס פַּאלַאץ זָאל שְׁטֶענְדִיג זַיין אַזוֹיוִוי סְ'פַּאסְט זִיךְ, פַאר אַזַא גְרוֹיסֶע קֶענִיג".

**גְרוֹנָם:** "אָקֶעי, אִיךְ קֶען זֵייעֶר גוּט אַרְבֶּעטְן, כְ'הָאבּ שׁוֹין אַמָאל אַלֵיין גֶעבּוֹיט גְרוֹיסֶע פַּאלַאצְן, וָואס סְ'אִיז נִישְׁטָא שֶׁענֶערְס פוּן דֶעם".

**בַּאדִינֶער:** "אַזוֹי? וואוּ זֶענֶען דִי פַּאלַאצְן? וֶוען הָאט אִיר עֶס גֶעבּוֹיט? וֶועלְכֶע קֶענִיג וואוֹינְט אִין דֶעם?".

**גְרוֹנָם:** "סְ'אִיז גֶעוֶוען פַאר פִינְף יָאר צוּרִיק, וֶוען כְ'בִּין גֶעוֶוען זֵייעֶר מִיד, וָואס צוּלִיבּ דֶעם בִּין אִיךְ טִיף טִיף אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, דַאן הָאבּ אִיךְ גֶעבּוֹיט דִי פַּאלַאצְן".

**בַּאדִינֶער:** "אִין חָלוֹם?".

**גְרוֹנָם:** "יָא".

**בַּאדִינֶער:** "נוּ, וָואס פַארְצֵיילְסְטוּ מִיר דָא נַארִישְׁקֵייטְן?".

**גְרוֹנָם:** "סְ'אִיז אַלֶעס אֱמֶת, דִי פַּאלַאצְן זֶענֶען בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען שֵׁיין, פּוּנְקְט אַזוֹיוִוי כְ'הָאבּ גֶעזָאגְט, סְ'אִיז נָאר גְרַאדֶע גֶעוֶוען אִין חָלוֹם, דִי אֵיין זַאךְ מַאכְט נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע חִילוּק".

**בַּאדִינֶער:** "גֶענוּג גֶערֶעדְט, טְרָאג דַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ צוּם אַכְסַנְיָא, קוּם צוּרִיק אוּן נֶעם דֶעם בֶּעזֶעם אוּן הֵייבּ אָן אוֹיסְקֶערְן דֶעם קוֹימֶען".

**גְרוֹנָם** אִיז גֶעלָאפְן צוּם אַכְסַנְיָא, אַרָאפְּגֶעלֵייגְט זַיינֶע פֶּעקְלֶעךְ, אוּן אִיז שְׁנֶעל צוּרִיק גֶעקוּמֶען צוּם פַּאלַאץ. עֶר הָאט זִיךְ גַאנְץ גוּט גֶעפִילְט צוּ קֶענֶען עֶפֶּעס טוּן פַארְ'ן קֶענִיג אִין פַּאלַאץ.

**עֶר** הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דִי עֲבוֹדָה, אוּן סְ'הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזְן, אַז אַ קוֹימֶען קֶערֶער אִיז עֶר גַאנְץ אַ גוּטֶער. אוּן... אֲפִילוּ צוּ וַואשְׁן אַ פְלָאר אִיז עֶר אוֹיךְ גַאנְץ טוֹיגְלִיךְ.

**עֶר** הָאט גֶעאַרְבֶּעט אֵיין טָאג אוּן נָאךְ אַ טָאג, אוּן סְ'אִיז גוּט גֶעלוּנְגֶען, עֶר הָאט פֵיין גֶעטוֹיגְט.

**סְ'הָאט** נִישְׁט לַאנְג גֶענוּמֶען, אוּן דֶער קֶענִיג הָאט דֶערְשְׁפִּירְט אַז אֵיינֶער מַאכְט דָא זֵייעֶר אַ גוּטֶע דְזְשַׁאבּ.

**דֶער** קֶענִיג הָאט זִיךְ נָאכְגֶעפְרֶעגְט וָואס דָא גֵייט פָאר. הֶערְנְדִיג אַז סְ'אִיז דָא אַ נֵייעֶר אַרְבֶּעטֶער וָואס טוּט זֵייעֶר אַ גֶעלוּנְגֶענֶע אַרְבֶּעט, הָאט דֶער קֶענִיג אִים גֶעלָאזְט רוּפְן.

"**אַ** גוּטְן גְרוֹנָם - הֵייבְּט דֶער קֶענִיג אָן - אִיךְ הֶער אַז דוּ בִּיסְט דֶער וָואס מַאכְט אַזוֹי רֵיין דָאס פַּאלַאץ, אִיךְ וִויל וִויסְן אוֹיבּ דוּ וֵוייסְט וָואס פַאר אַ הֲנָאָה דוּ פַארְשַׁאפְסְט מִיר".

**גְרוֹנָם:** "הֲנָאָה פַארְ'ן קֶענִיג? נֵיין! אִיךְ בִּין נִישְׁט דָא פַאר דֶעם, אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט לִיבּ צוּ רֵיינִיגְן דֶעם קוֹימֶען, וַוייל אַזוֹי קֶען אִיךְ קְרִיכְן הוֹיךְ אַרוֹיף אִין דִי קוֹימֶען בִּיז דִי דַאךְ. דֶער קֶענִיג וֵוייסְט וִוי שֵׁיין סְ'אִיז צוּ זֶען דֶעם גַאנְצְן שְׁטָאט פוּן דִי דַאךְ?".




**קֶענִיג:** "אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט...".

**גְרוֹנָם:** "כְ'וֵייס, כְ'וֵייס, דֶער קֶענִיג פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט פַארְוָואס אִיךְ וַואשׁ דִי פְלָאר, אִיךְ וֶועל דָאס אוֹיךְ מַסְבִּיר זַיין. אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר לִיבּ צוּ קֶענֶען אַרוּם פָּאשְׁן דִי קְלֵיינֶע גֶעלֶע וֶועגֶעלֶע מִיט זֵייף וַואסֶער, אִיךְ פְּלִי אַרוּם מִיט דֶעם אִין דֶעם גַאנְצְן פַּאלַאץ, סְ'אִיז אַסַאךְ פָּאן...".

**קֶענִיג:** "גְרוֹנָם, אִיךְ וֶועל דִיר עֶרְקְלֶערְן וָואס אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט וואוּ דַיין שֵׂכֶל אִיז. דוּ אַרְבֶּעטְס אִין דֶעם פַּאלַאץ, דוּ מַאכְסְט אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, דוּ פַארְשַׁאפְסְט מִיר אַזַא הֲנָאָה, אוּן דוּ מוּזְט 'פַארְגֶעסְן' פוּן דֶעם, דוּ מוּזְט וִויכְטִיג זָאגְן, אַז אַלֶעס וָואס דוּ טוּסְט אִיז נִישְׁט מִיר צוּ בַּאדִינֶען, נָאר וֶועגְן אַנְדֶערֶע שְׁטוּתִים? פַארְוָואס?! וָואס הָאסְטוּ פוּן דֶעם?!".

"**גְרוֹנָם** - זָאגְט דֶער קֶענִיג וַוייטֶער - אִיךְ גֵיי דִיר בַּאצָאלְן פַאר דַיין אַרְבֶּעט, אָבֶּער וֶוען דוּ וָואלְסְט גֶערֶעדְט צוּם זַאךְ, וָואלְט אִיךְ דִיר בַּאצָאלְט אַסַאךְ מֶער".

**יֶעצְט** קִינְדֶער, לֵייגְט גוּט צוּ קָאפּ... וֶוען דוּ עֶסְט אוּן דוּ טְרִינְקְסְט גֶעזוּנְט אוּן נָארְמַאל, מִיט אַן עֶרְלִיכֶע בְּרָכָה, דַאן מַאכְסְטוּ אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט, דָאס עֶסְן מַאכְט דִיר גֶעזוּנְט אוּן פְרֵיילִיךְ, אוּן סְ'מַאכְט אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען וַוייטֶער לֶעבְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

**יָא!** סְ'אִיז סֵיי וִוי אַ גוּטֶע אַרְבֶּעט; סְ'אִיז סֵיי וִוי אַן הֲנָאָה פַאר השי"ת, פַארְוָואס זָאלְסְטוּ פוּן דֶעם פַארְגֶעסְן? סְ'אִיז אַ שָׁאד! גֶעדֶענְק עֶס יָא... וִוי דֶער נוֹעַם אֱלִימֶלֶךְ זָאגְט אוֹיף דֶעם עִנְיָן פוּן עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אַז **כָּל כַּוָּנָתְכֶם** אַלֶע אַייעֶרֶע כַּוָונוֹת **יִהְיֶה** זָאל זַיין **לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא** צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן **שֶׁיִּהְיֶה לְךָ כֹּחַ** אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְן כֹּחַ **וּבְרִיאוּת** אוּן גֶעזוּנְט **לַעֲבוֹדָתוֹ** אִים צוּ דִינֶען.

**דַאן**, אַז דַיין מַחְשָׁבָה וֶועט זַיין אִין פְּלַאץ, וֶועט דִי הֲנָאָה פוּן השי"ת זַיין נָאךְ גְרֶעסֶער, אוּן דוּ וֶועסְט בַּאקוּמֶען נָאךְ מֶער שְׂכַר.

## אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת

## שאלה

מיר ווילן שטעלן א שאלה צו די חשובע ליינער. מיר שוין בערך ביי א יאר ארויסגעבן דעם גליון, און מיר האבן שוין ב"ה הערליכע משלים אינעם ספר נועם אלימלך, אויף כמעט יעדע סדרה.

יעצט איז די שאלה צו מיר זאלן ממשיך זיין מיט משלים אויף נאך שטיקלעך פונעם ספר נועם אלימלך, אדער מיר זאלן גיין צו נאך א ספר. און אויב האלט איר אז מ'זאל גיין צו נאך א ספר, וועלכע ספר וואלט איר געהאלטן מ'זאל מיט דעם גיין ווייטער.

**איר קענט איבערגעבן אייער מיינונג דורך רופן**

**845-499-6983**

**איר קענט שיקן אייער מיינונג שריפטליך צו:**

**29Ostilla unit 311**
**New Square N Y 10977**

געשריבן: 'יעקב תרגום'. פאר קאסטום באשטעלונגען צו ערלערן שטיקלעך פון א ספר אדער א געוויסער ענין לויט אייער פארלאנג, פארבינדט אייך מיט'ן מערכת.

# ויאמר אליהו

שמועסן, און חיזוק ווערטער
אין אמונה און בטחון, און נאך
אויף די וואכעדיגע פרשה

מאת הרב אלי' מאיר סמיט שליט"א

ראה"כ בית אולפנא להוראה » 347-897-9968 \ 058-323-1459

אין אידיש

ערב שב"ק פרשת
אמור (בחו"ל קדושים)
ה' אייר שנת תשע"ט


בס"ד

# די עבודה פון די מענטש איז איינצוווארצלן אין זיך די אלע מדריגות און התעוררות'ן וואס מען האט באקומען פון הימל!!!

## » ספירת העומר - צו ווייזן איז מיר ווארטן שוין אויף קבלת התורה!!

**עס** שטייט אין די וואכעדיגע פרשה וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה (ויקרא כג, טו). און עס שטייט אין ספר החינוך (מצות ספירת העומר, מצוה ש"ו) אז די גאנצע ענין פון ספירת העומר איז א הכנה און א באהעפטונג צווישן יציאת מצרים און קבלת התורה, ווי ער שרייבט מיט דעם פאלגענדן לשון:

"**די** שורש פו די מצוה אויפן פשוט'ן פשט, אז די גאנצע עיקר פון כלל ישראל איז נאר די תורה, און וועגן די תורה איז באשאפן געווארן די הימל און ערד, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ירמיה לג, כה) אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלָיְלָה חֻקּוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי', און דאס איז אויך די עיקר סיבה פארוואס מען איז אויסגעלייזט געווארן פון מצרים, כדי זיי זאלן מקבל זיין די תורה אויפן בארג סיני, און עס מקיים זיין. און אזוי ווי דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה וַיֹּאמֶר כִּי אֶהְיֶה עִמָּךְ וְזֶה לְּךָ הָאוֹת כִּי אָנֹכִי שְׁלַחְתִּיךָ בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹהִים עַל הָהָר הַזֶּה (שמות ג, יב), און פשט פון דעם פסוק איז, אז דאס ארויסצוען פון מצרים איז א א צייכן אז מען גייט דינען דעם אייבערשטן אויף די בארג, דאס הייסט, אז איר גייט מקבל זיין די תורה וואס דאס איז די עיקר פארוואס מען איז אויסגעלייזט געווארן, און עס איז נאך א חשוב'ערע זאך וואס די עצם ווערן אויסגעלייזט וכו'."

"**און** צוליב דעם וואס דאס איז דער עיקר סיבה פארוואס כלל ישראל איז געווארן אויסגעלייזט פון מצרים, און דערהויבן געווארן אזוי גרויס, איז מען באפוילן געווארן צו ציילן פון צומארגענס פון יום טוב פסח ביז צום טאג וואס מען גייט געבן די תורה, כדי צו ווייזן מיט דעם ווי שטארק מיר ווילן און ווארטן שוין און גלוסטן צו דעם טאג, אזוי ווי א קנעכט ווארט שוין עס זאל ווערן נאכט און ער זאל זיך קענען אפרוהען פון זיין שווערע ארבעט, און ער ציילט שטענדיג ווען וועט שוין קומען די צייט וואס ער וועט ווערן באפרייט, ווייל דאס ציילן ווייזט עס די גאנצע ווען פון דעם מענטש ליגט אין דעם אויף וואס ער ציילט און לעכצט שוין צוצוקומען צו יענעם דאטום," עכ"ל החינוך.

**און** מען דארף זיך מתבונן זיין אין דעם, פארוואס האט די תורה הק' געהייסן ציילן, מיר זעען דאך אין חז"ל אז כלל ישראל זענען צוגעקומען צו די העכסטע מדריגות און השגות ביי קריעת ים סוף, איז פארוואס האט אויסגעפעלט צו ווארטן נאך פופציג טעג, לכאו' וואלט הארט נאכדעם געווען די בעסטע און רייפסטע צייט צו געבן די תורה פאר די אידן. און אדרבה, מען וואלט געדארפט מורא האבן אז אויב עס וועט אריבערגיין אזויפיל צייט, וועט שוין ווערן אפגעשוואכט די געוואלדיגע איינדרוק וואס קריעת ים סוף האט געהאט אויף זיי - אזוי ווי עס איז די שטייגער און נאטור פון מענטשן.

## » די רוחניות'דיגע מצב פון כלל ישראל הארט נאך קריעת ים סוף

**פאר** מיר וועלן מבאר זיין דעם ענין, ווילן מיר זיך מתבונן זיין און וואס מיר זעען אין חז"ל, וואס איז געשעהן מיט די אידן גלייך נאך קריעת ים סוף. (און אוודאי אז מיר האבן נישט קיין שום השגה און די הייליגקייט פון די דור דעה, נאר די גאנצע ציל איז אפצולערנען וואס מיר זעען אין די ווערטער פון חז"ל, און עס נוצן אויף א וועג ווייזער ווי אזוי מיר דארפן זיך פירן).

**אויפן** פסוק הפסוק וַיַּסַּע מֹשֶׁה אֶת יִשְׂרָאֵל מִיַּם סוּף וַיֵּצְאוּ אֶל מִדְבַּר שׁוּר וַיֵּלְכוּ שְׁלֹשֶׁת יָמִים בַּמִּדְבָּר וְלֹא מָצְאוּ מָיִם (שמות טו, כב), שטייט אין מדרש גאר שארפע זאכן, ווי פאלגענד (שמו"ר בשלח כד, א): "ה לה' תִּגְמְלוּ זֹאת (דברים לב, ו), נאך די אלע ניסים וואס ער האט אייך געמאכט, ער האט אייך געשפאלטן די ים אויף צוועלף שטיקלעך, און האט דעטראנקן די מצריים אינעם ים, איין האנט דעטרענקט זיי, און איין האנט ראטעוועט אייך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק, יְמִינְךָ ה' נֶאְדָּרִי בַּכֹּחַ יְמִינְךָ ה' (שמות טו, ו) וגו', און ער האט אייך ארויסגעצויגן פון די ים און אייך געגעבן די אלע גאלד און זילבער און אלעס וואס איז געווען אויף זייערע פערד וואס זיי האבן באצירט מיט זילבער און גאלד, און האט אייך געשפייזט פערציג יאר אין מדבר, און האט אייך נישט אפגעלאזט אפי' אויף איין מינוט, און האט אייך נישט געלאזט אנטלויפן, נאר האט געמאכט פאלן אלע פיינט פון פאר אייך, און האט אייך אפגעהיטן."

"**און** נישט נאר פון אייערע פיינט, נאר אויך פון די שלענג און עגדיסן. און האט געמאכט לייכטן די וועג פאר אייך, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וַה' הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם יוֹמָם (שמות יג, כא), און מיט דעם אלעם האט איר פארגעסן די אלע נסים וואס דער אייבערשטער האט אייך געמאכט, און די צלם פון מיכה איז מיטגעגאנגען מיט אייך אין וואסער, און האט אפגעלאזט די תורה און זיך פארשטעקט אין אנדערע זאכן, הל' תגמלו זאת", (און די מדרש איז נאך דארט מאריך און שילדערט מיט גאר שארפע דיבורים).

**און** אביסל ווייטער (שם אות ב') איז די מדרש ממשיך און זאגט: "רבי יהודה זאגט, די אידן האבן געזאגט אין יענע צייט, צו דען האט אונז דער אייבערשטער ארויסגענומען פון מצרים נאר וועגן פינף זאכן: איינס, כדי אונז צו געבן די ביזת מצרים. צווייטענס, כדי אונז צו מאכן רייטן אויף די ענני הכבוד. דריטענס, אונז צו שפאלטן די ים. פערדנס, כדי אונז צו זיך אפרעכענען מיט די מצריים. פיפטענס, כדי מיר זאלן זאגן פאר איהם שירה. יעצט אז מען האלט שוין נאך די אלע פינף זאכן, קענען מיר שוין צוריקגיין קיין מצרים."

"**האט** משה רבינו זיי געזאגט, דער אייבערשטער האט מיר געזאגט כִּי אֲשֶׁר רְאִיתֶם אֶת מִצְרַיִם הַיּוֹם וגו' (שמות יד, יג) (-ד"ה, אז מען גייט שוין מער קיינמאל נישט זעהן די מצריים, דעריבער קען מען נישט צוריקגיין קיין מצריים), האבן זיי איהם געענטפערט, זיי זענען שוין אלע געשטארבן, לאמיר צוריקגיין קיין מצרים. האט ער זיי געזאגט, קומט און צאלט אפ די שטר, ווייל דער אייבערשטער האט מיר געזאגט בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת הָאֱלֹהִים עַל הָהָר הַזֶּה (שמות ג, יב) (-ממילא דארף מען גיין מקבל זיין די תורה)."

"**רבי** אלעזר זאגט, אויפן באפעל פון דעם אייבערשטער האבן די אידן נישט געוואלט גיין ווייטער, נאך משה האט זיי געפירט מיט זיין שטעקן, ווייל זיי האבן געזעהן די טויטע קערפער פון די אלע מצריים וואס האבן זיי געפייניגט אין מצרים, און האבן געזאגט עס איז נישט געבליבן קיינער אין מצרים, לאמיר מאכן א הויפט און צוריקגיין קיין מצרים, נִתְּנָה רֹאשׁ וְנָשׁוּבָה מִצְרָיְמָה (במדבר יד, ד), לאמיר מאכן א עבודה זרה וואס זאל גיין פון פאראויס און לאמיר זיך צוריקקערן קיין מצרים. וואלט איך געוואלט מיינען אז זיי האבן נאר גערעדט און נישט געטוהן, שטייט אין פסוק וַיְמָאֲנוּ לִשְׁמֹעַ וְלֹא זָכְרוּ נִפְלְאֹתֶיךָ (נחמיה ט, יז). רבי יהודה בר אלעאי זאגט, די אידן האבן געהאט אין די האנט א געטשטקע, און משה רבינו האט עס אוועקגעפירט פון זיי, דעריבער שטייט אין פסוק וַיַּסַּע מֹשֶׁה אֶת יִשְׂרָאֵל (שמות טו, כב)". עכ"ד ביז אהער זענען די שארפע ווערטער פון די מדרש.

**און** נאך דעם אלעם דארף מען פארשטיין, ווי אזוי טאקע קען זיין, אז כלל ישראל זענען צוגעקומען צו אזא מצב נאכדעם וואס זיי האבן מיטגעלעבט אזעלכע הייליגע השגות און התגלות'ן.

## » א יעדע התעוררות דארף מען ארייבלייגן אין א פאקטישע פעולה

**כדי** צו פארשטיין די עומק און די לימוד פון דעם, ווען מיר מקדים זיין מיט די ווערטער פונעם הייליגן רמב"ן, (און זיין ספר האמונה והבטחון פי"ט) ווי ער איז מסביר די פסוק אין שיר השירים אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ (שיר השירים ב, ז), אז עס איז מרמז אויף די התעוררות וואס א מענטש באקומט פון הימל, אז ווען א מענטש איז זוכה צו באקומען עפעס א התעוררות פון הימל, דארף ער זעהן צו מאכן פון די התעוררות א כלי, דאס הייסט טוהן דורך דעם עפעס א פאקטישע גוטע פעולה, וואס נאר דורך דעם וועט זיך האלטן די התעוררות אין איהם און עס וועט נישט אויסוועפן."

**און** לויט דעם איז די הייליגע נועם אלימלך מבאר די ווערטער פון די מדרש (בראשית נה, ב) וואס זאגט אז "אין די שכר פון די צוויי שפאלטענעס וואס אברהם אבינו האטל געשפאלטן די האלץ פאר די עקידה, האט ער זוכה געווען אז די ים זאל זיך שפאלטן פאר די אידן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק וַיְבַקַּע עֲצֵי עֹלָה (בראשית כב, ג) און עס שטייט נאכאמאל וַיִּבָּקְעוּ הַמָּיִם (שמות יד, כא)".


געספאנסערט דורך:
AmeriMax INDUSTRIES
Where You Get The Whole PACKAGE
www.amerimaxind.co

**און** ער איז מסביר, אז די ענין פון שפאלטן און ברעכן די האלץ פאר די עולה, איז לכאו' זייער אומפארשטענדליך, ווייל אברהם אבינו האט געקענט מיט נעמען מיט זיך א האק מיט וואס מען האקט האלץ, און ווען ער וועט אנקומען צו די פלאץ פון די עקידה וועט ער דארט האקן האלץ, צו וואס האט אויסגעפעלט אז ער זאל האקן די האלץ פַּארן פָּארן, און זיך שלעפן מיט דעם די גאנצע וועג.

**נאר** אברהם אבינו האט זיך נישט געוואלט אויפהאלטן מיטן טוהן די מצוה בפועל, נאכדעם וואס דער אייבערשטער האט איהם באפוילן און האט געהאט א ברען עס מקיים צו זיין, דעריבער האט ער באלד געטוהן וואס ער האט געקענט, און ער האט געהאקט די האלץ פאר די עקידה, אזוי ארום וועט די חשק און התלהבות זיך נישט אפקילן, ביז צו מארגענעס ווען ער וועט זיך ארויסלאזן אויפן וועג.

**אלא** שלא רצה אברהם אבינו להתמהמה בעשיית המצוה בפועל, רק מיד כשנצטוה ונכנס בו חשק והתלהבות לעשות רצונו ית', הקפיד לעשות איזה מעשה כדי שלא יפול מתשוקתו בעת עשיית המעשה אחרי כמה ימים.

## » מען דארף שטענדיג צולייגן 'האלץ' צו די 'מערכה'!

**עס** שטייט אין משנה אבות (פ"ה מ"ה) אז איינע פון די צען נסים וואס זענען שטענדיג געווען אין בית המקדש, אז די רעגן האט נישט אויסגעלאשן די פייער פון די מערכה. אבער מיט דעם אלעם דרש'נען חז"ל אויפן פסוק אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל הַמִּזְבֵּחַ (ויקרא ו, ו), אז כאטש וואס עס איז אראפגעקומען א פייער פון הימל אויפן מזבח, איז געווען א מצוה אז מען זאל צולייגן אליין צו די מערכה 'מענטשלעכע' פייער, (יומא כ"א:).

**און** מען קען מיט דעם מרמז זיין, אז פונקט אזוי ווי אין בית המקדש האט מען זיך נישט געמעגט פארלאזן אויף די הימלישע פייער, נאר מען האט געדארפט צולייגן אויף פון זיך אליין, דאס זעלבע דארף א מענטש כסדר טוהן, אז אפי' דער אייבערשטער גיבט איהם הימלישע פייער, דאס הייסט ער באקומט א התעוררות, א השגה אדער עפעס א התגלות, מוז ער איז באלד ארייגלייגן אין עפעס א אייגענע פייער, און זיך נישט פארלאזן אויף די הימלישע פייער, און נאר אזוי וועט ער געהאלפן ווערן אז די 'גשם' (-די גשמיות) זאל נישט אויסלעשן די רוחניות'דיגע פייער.

**און** אויף דעם וועג איז די חידושי הרי"ם מפרש די פסוק עַל זֹאת יִתְפַּלֵּל כָּל חָסִיד אֵלֶיךָ לְעֵת מְצֹא רַק לְשֵׁטֶף מַיִם רַבִּים אֵלָיו לֹא יַגִּיעוּ (תהלים לב, ו), אז 'לעת מצוא' די מציאה צו וואס ער איז זוכה, וואס דאס גייט ארויף אויף די אתערותא דלעילא, די הימלישע פייער וואס דער אייבערשטער שענקט איהם, זאל נישט ווערן פארוואסערט און אויסגעלאשן, נאר זאל בלייבן שטענדיג ביי איהם.

**און** די שפת אמת האט מוסיף געווען אויף דעם (ויצא תרנ"ג), אז דאס איז אויך מרומז אין די פסוק בְּיוֹם טוֹבָה הֱיֵה בְטוֹב (קהלת ז, יד), דאס הייסט אז אין די גוטע טעג, דאר מען אויסנוצן די געלעגנהייט איינצוקריצן די מצב, אז עס זאל שטענדיג בלייבן גוט.

## » וואס איז די גרויסע גדלות פון דעם וואס רחל האט מוותר געווען?

**אין** מדרש איכה (איכה רבה הקדמה פיסקה כ"ד) ווערט געשילדערט ווי אזוי עס האט אויסגעזעהן פאר די אייבערשטער האט חרוב געמאכט די בית המקדש. עס שטייט אז די אבות הק' זענען אויפגעשטאנען פון זייערע קברים און זיך פראבירט איינצובעטן ביים רבונו של עולם אז ער זאל רחמנות האבן אוף די אידישע קינדער, און א יעדער איינער האט דערמאנט זיינע גוטע מעשים, און געבעטן אז דער אייבערשטער זאל רחמנות האבן אויף די אידן בזכות דעם, אבער דער אייבערשטער האט זיי נישט געענטפערט.

**שטייט** אין מדרש נאכדעם ווי פאלגענד: "אין יענע מינוט איז רחל אויפגעשפרינגען פארן אייבערשטער און געזאגט, רבונו של עולם, עס איז אנטפלעקט פאר דיר אז יעקב אבינו האט מיר ליעב געהאט זייער שטארק, און האט געארבעט אויף חתונה צו האבן מיט מיר זיבן יאר, און ווען עס האט זיך געענדיגט די זיבן יאר און עס איז אנגעקומען די צייט חתונה צו האבן מיט מיר, האט מיין טאטע זיך אפגעשמועסט מיר אויפצוטוישן מיט ביין שוועסטער (-לאה), און עס האט מיר זייער וויי געטוהן."

"**און** איך האב מודיע געווען פאר מיין (-צוקונפטיגע) מאן, און איך האב איהם איבערגעגעבן א סימן אז ער זאל מיר קענען דערקענען צווישן מיר און מיין שוועסטער, כדי מיין טאטע זאל מיר נישט קענען אויפטוישן מיט איר. אבער נאכדעם האב איך חרטה געהאט, און איך האב אויסגעהאלטן מיין תאווה, און איך האב רחנות געהאט אויף מיין שוועסטער, כדי זי זאל נישט פארשעמט ווערן, און ביינאכט ווען מען האט איר טאקע אויפגעטוישט, האב איך אויסגעזאגט די סימנים פאר מיין שוועסטער, כדי אז מיין מאן זאל מיינען אז עס איז מיר. און נישט נאר דאס, נאר איך בין אויך אינטערגעקראכן די בעט, און ווען יעקב אבינו האט גערעדט מיט איר האט זיך געשוויגן און איך האב געענטפערט אלעס אנשטאט איר, כדי אז ער זאל נישט דערקענען איר קול, און איך האב גומל חסד געווען מיר איר, און נישט מקנא געווען אין איר, און איר נישט ארויסגעשיקט מיט שאנדע."

**און** דא האט רחל אויסגעפירט מיט איר טענה, און געזאגט: "מאדעך איך, וואס איך בין א בשר ודם, שטויב און אַש, האב איך נישט מקנא געווען אויף מיין 'צרה' (-א צווייטע ווייב ביי דעם זעלבן מאן), און איך האב איר נישט ארויסגעשיקט מיט בושות און חרפות, און דו ביסט דאך א מלך חי וקים און א רחמנות'דיגער, פארוואס ביסטו אזוי שטארק מקנא אויף די עבודה זרה וואס זיי האבן געדינט (-וואס דאס איז כאילו די אידן האבן אריינגעברענגט א 'צרה' פארן אייבערשטן), און דו האסט פארשיקט אין גלות מיינע קינדער, און זענען געהארגעט געווארן מיט שווערד, און די פיינט האבן געטוהן מיט זיי, וואס זיי ווילן נאר."

"**גלייך** איז נתעורר געווארן דעם אייבערשט'נס רחמנות, און האט געזאגט: וועגן דיר רחל קער איך צוריק די אידן צו זייער פלאץ. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק כֹּה אָמַר ה', קוֹל בְּרָמָה נִשְׁמָע, נְהִי בְּכִי תַמְרוּרִים, רָחֵל מְבַכָּה עַל בָּנֶיהָ מֵאֲנָה לְהִנָּחֵם עַל בָּנֶיהָ כִּי אֵינֶנּוּ (ירמיהו לא, יד). און דערנאך שטייט כֹּה אָמַר ה', מִנְעִי קוֹלֵךְ מִבֶּכִי וְעֵינַיִךְ מִדִּמְעָה, כִּי יֵשׁ שָׂכָר לִפְעֻלָּתֵךְ (ירמיהו לא, טו) וגו', וְיֵשׁ תִּקְוָה לְאַחֲרִיתֵךְ, נְאֻם ה', וְשָׁבוּ בָנִים לִגְבוּלָם (ירמיהו לא, טז)", ביז דא איז די ווערטער פון די מורא'דיגע מדרש.

**און** מען דארף זיך גוט מתבונן זיין אין די ווערטער פון די מדרש. ווייל נאכדעם וואס די מדרש ברענגט דארט אראפ די אלע טענות פון די אבות הק' או משה רבינו, מיט וואס איז שטערקער די טענה און די זכות פון רחל, מער ווי למשל די טענה פון יצחק און די עקידה.

**אויף** די קשיא שטעלט זיך רבי משה חברוני זצ"ל (אין זיין דרשה אין די לעצטע ראש השנה פון זיין לעבן), און איז מבאר, אז מיר זעען אז נאכדעם וואס רחל האט געבעטן פון לאה אז זי זאל איר געבן פון די 'דודאים' פון איר זוהן (-אין פרשת ויצא), האט איר לאה געענטפערט 'נישט נאר אז דו האסט צוגענומען מיין מאן, ווילסטו אויך אז איך זאל דיר אוועקגעבן די דודאים פון מיין זוהן'.

**און** לכאו' רחל וואלט איר געקענט אפענטפערן אזאנס און אזעלעכץ, און זאגן, צו דען איך האב צוגעכאפט דיין מאן, עס איז דאך געווען פונקט פארקערט, איך האב דיר איהם אוועקגעגעבן, ווען נישט איך וואלט דיר נישט אויסגעזאגט די סימנים, איז נישט נאר אז דו וואלסט נישט חתונה געהאט מיט איהם, נאר דו וואלסט נאר ארויס מיט בושות און חרפות. אבער מיט דעם אלעם האט רחל געשוויגן, און האט נאך געענטפערט און מוותר געווען אויף איין נאכט צו שלאפן מיט יעקב אבינו, און כאילו ווי זי וואלט ווען געזאגט, ביסט גערעכט, עס קומט זיך מיר טאקע נישט.

**און** מיט דעם פירט אויס ר' משה זצ"ל און זאגט: מען קען טרעפן, אז א מענטש האט א דערהויבענקייט אויף א שטיק צייט, און עס כאפט איהם אן צו טוהן גאר א אויסערגעווענליכע שריט, אבער די פעולה ווערט נאכנישט איינגעקריצט ביי איהם אין נפש, אז ער זאל קענען שטענדיג בלייבן אויף די דרגה.

**אבער** דא האט רחל אמנו אויפגעוויזן, א משונה'דיגע געוואלדיגע אומגעווענליכע כוח הנפש, אז דאס איבערגעבן די סימנים איז נישט געווען אן איינמאליגע ויתור, וואס איז געקומען פון א צייטווייליגע דערהויבענקייט וואס האט איר אנגעכאפט, א זאך וואס קען פאסירן צומאל אויך ביי פשוטע אידן, נאר דאס האט געוויזן עס איז געווען אזוי נאטורליך דאס איבערגעבן די סימנים, אז זי האט אפי' נישט געפילט אז זי טוהט מיט דעם א געוואלדיגע זאך, עד כדי כך, אז אפי' לאה האט נישט געשפירט שלעכט און שולדיג פאר רחל פאר דעם, עד כדי כך אז זי האט נאך געקענט טענה'ן אז זי - רחל - איז גאר דער וואס האט אוועקגענומען איר מאן.

**אט** דעם געוואלדיגן כח איז איר בייגעשטאנען, און דאס האט געהאט די ריכטיגע השפעה און געשטארקט די רחמנות פונעם אייבערשטן איבערן מדת הדין, און דער אייבערשטער האט צוגעזאגט אז אין זכות פון איר וועט ער צוריקברענגען די אידן קיין ארץ ישראל און ברענגען די גאולה.

**דאס** איז די טיפקייט פון די ווערטער פונעם חינוך וואס זאגט, אז די ענין פון ספירת העומר איז צו נעמען די התעוררות פון יציאת מצרים און עס איינבאקן און איינקריצן אין זיך אז עס זאל בלייבן א אייביגע קנין, אזוי ארום וועט אויך די קבת התורה בלייבן נצחיות'דיג.

**און** מיט דעם פארשטייט מען אז אפי' נאך די אלע מורא'דיגע חזיונות און השגות וואס כלל ישראל האבן מיטגעלעבט ביים ים סוף, איז נאך אלץ געווען א מעגליכקייט אז זיי זאלן צוקומען צו די מצב צו וואס זיי זענען צוגעקומען, וויבאלד חזיונות און השגות איז נאכנישט 'סוף פסוק', דעמאלטס פאנגט הערשט אן די עבודה פון איינצוקריצן אין זיך די אלע זאכן וואס מען האט מיטגעלעבט.

"...וויבאלד חזיונות און השגות איז נאכנישט 'סוף פסוק', דעמאלטס פאנגט הערשט אן די עבודה פון איינצוקריצן אין זיך די אלע זאכן וואס מען האט מיטגעלעבט..."

**און** דאס איז טאקע די סיבה פארוואס דער אייבערשטער האט נישט געוואלט געבן די תורה פאר די אידן תיכף ומיד נאך די געוואלדיגע מעמד פון קריעת ים סוף, ווייל אדרבה, דער אייבערשטער האט געוואלט אז אידישע קינדער זאלן קודם ארבעטן פופציג טעג איינצובאקן אין זיך אט די גרויסע מאמענטן וואס זיי האבן מיטגעלעבט, און ווי פריער מסביר געווען אין די ווערטער פונעם חינוך.

# הילולא דצדיקיא

לעילו נשמת אמי מורתי מרת פערל הענא בת ר' יהושע ע"ה - י"ט תמוז תשע"ח

פרשת קדושים (אמור בא"י) – שנה ז' גליון 36 (340)



ע"י אלימלך הנשטטר מלמד תשב"ר בת"ת דרכי אבותינו לייקוואד יצ"ו – כתה ד'

לנדב וליטול חלק בזכות הפצת סיפורי צדיקים רופט 347 678 0652, או לאי מעיל shabbosstory@gmail.com

**הבהרה:** מיר געבן רשות צו מאכן קאפיס פון די 'גאנצע' גליון פאר אייערע בית המדרש, מוסדות התורה וכדו', אבער עס איז נישט ערלויבט צו ארויס נעמען שטיקלך און מאכן קאפיס פון בלויז א חלק דערפון. **אויך איז נישט ערלויבט** צו נעמען אונזער מעשיות וואס מיר האבן אפגעטייפט און עס טוישען אויף סיי וועלכע וועג אז מען זאל עס קענען ניצען פאר אייגענע געברויך, מיר האבן אריין געלייגט אסאך ארבעט אין די מעשיות (אויב ווילט איהר אז מיר זאלן אייך שיקען מעשיות אויף א וועג וואס איהר קענט עס ניצען קען מען אונז רופען און מסדר זיין).


## הרב הקדוש ר' מאיר בן ר' צבי הירש זי"ע, מאוסטרהא – מגדולי מנהיגי החסידות ומתלמידי הבעש"ט – י' אייר תקי"ג

**געבוירען:** בערך אין יאר תס"ז, צו זיין טאטע ר' צבי הירש מרגליות רב אין יאזלוביץ. **אוועק:** י' אייר תק"נ. **חתונה געהאט:** 1) מרת חי' טאכטער פון ר' חיים הורנקא (ברידער פון ר' משה מקיטוב, און שוואגער פון ר' נחמן הורדנקא וואס איז פון די תלמידי בעש"ט). 2) מרת רייזל טאכטער פון ר' ארי' לייב אויערבאך אב אין סטניסלאוו. **קינדער:** 1) ר' שאול רב אין לובלין, 2) ר' יוסף נחמן רב אין פולנאה, 3) ר' בצלאל ממלא מקומו פון זיין טאטע אין אוסטראהא, 4) ר' נפתלי מרדכי רב אין הרימלוב, 5) ר' שלמה דוב, 6) א איידעם ר' נפתלי הירץ פן שאריגראד, 7) איידעם ר' שמחה הכהן כ"ץ פון אוסטראהא. **תלמיד:** פון בעש"ט. **געווען רב:** הורדונקא, יאזליוויץ, לבוב, קומרנא, ברסלב, אין יאר תקל"ז געווארן רב אין אוסטרהא און די געגנט ארום. **זיינע ספרים:** מאיר נתיבים, אור עולם, און נאך **ליגט:** אין שטאט אוסטראהא (לעבן דער מהרש"א).

### גאון און הייליג

ווען ר' מאיר איז גערופען געווארן צו זיין רב אין די גרויסע שטאט אוסטראהא, האט ער אויך אנגעפירט מיט די רבנות אין די איבער צוויי הונדערט שטעט וואס זענען געווען אונטער די הערשפאט אוסטראהא. ער איז געווען באקאנט אלס א געוואלדיגע גאון און תלמיד חכם ווי עס איז ממש נישט דא אזיינס גלייכן ווי איהם אין די גאנצע דור. אלע שווערע שאלות זענען אנגעקומען צו איהם, און זיינע רייד זענען געווארן שטארק אנגענומען אין די גאנצע וועלט. אויסער זיין גרויס גאונות איז ער אויך געווען שטארק באקאנט אלס א הייליגע און געטליכע מענטש.

### תלמיד בעל שם טוב

נאך אין די גאר יונגע יארן האט ער זוכה געווען צו לערנן ביי דער הייליגע בעל שם טוב זי"ע.

פאר דער בעש"ט איז אראפ געקומען אויף דער וועלט, האט ער בשום אופן נישט געוואלט אראפ קומען אויף דער וועלט, נאר אויב ער וועט האבן מיט זיך 60 הייליגע תלמידים וואס וועלן איהם צו העלפען מיט זיין הייליגע עבודה דא אונטן אויף די וועלט, און פון הימל האט מען מסכים געווען צו איהם. דער בעש"ט האט טאקע געהאט 60 גאר שטארק הייליגע תלמידים, און איינער פון זיי איז געווען דער צדיק ר' מאיר מרגליות. (דער בעש"ט האט געהאט מער ווי 60 תלמידים, נאר 60 פון זיי זענען געווען פון די 60 אויסגעוועלטע וואס מען האט איהם צוגעזאגט פון הימל).

### געלערנט מיט דער בעש"ט

אין די יארן פאר דער בעש"ט איז באקאנט געווארן אויף די וועלט אלס א גרויסע און הייליגע צדיק, איז ער געווען א שוחט אין די שטאט קשיליוויץ לעבן יאזלאוויץ, נישט ווייט פון ווי ר' מאיר האט געוואוינט. דארט האט דער בעש"ט געדינט דער אייבישטער באהאלטענערהייט אהן דעם וואס קיינער זאל וויסען פון איהם.

איין טאג האט זיך געמאכט אז די צוויי ברידער ר' מאיר מרגליות און זיין ברידער ר' יצחק דוב, אז עס האט זיך אנגעכאפט אין זייער הארץ א געוואלדיגע גליסטעניש זיך צו גיין טרעפן מיט דער שוחט פון קשיליוויץ און זיך באקענען מיט איהם. פון הימל האט מען צוגעפירט אז די שטארקע ווילען זיך צו טרעפן מיט די שוחט פון קישליוויץ, זאל זיין ביי ביידע ברידער'ס אין הארץ, אהן דעם וואס איינער זאל וויסען פון די אנדערע. האט זיך געמאכט אז איין ברידער האט ארויס געברענגט די שטארקע ווילען וואס ער האט צו גיין צו דער שוחט פון קשיליוויץ, האט דער ברידער געזאגט 'אינטרעסאנט אז איך וויל אויך שטארק גיין'.

די צוויי ברידער'ס האבן מחליט געווען אז זיי וועלן פאר קיינם נישט זאגן, און א יעדן טאג וועלן זיי אהין פארן לערנן און ביינאכט צוריק אהיים קומען. אזוי האבן די ברידער'ס געטוהן א יעדן טאג ווי זיי האבן געלערנט און פארברענגט מיט דער שוחט אהן דעם וואס קיינער זאל דערפון וויסען.

איין טאג האבן זיי זיך גאר שטארק פארלערנט אז זיי זענען דארט געווען ביז גאר שפעט ביינאכט. ווען עס איז געווארן שפעט אין זיי זענען נאכנישט אהיים געקומען איז געווארן א גרויסע איבער קערעניש אין שטאט, אז מען קען נישט טרעפן די צוויי ברידער'ס און מען ווייסט נישט ווי זיי זענען. אסאך מענטשן פון שטאט האבן זיך ארויס געלאזט אין די וועגן זיי צו זוכען ווי מען קען נאר, ביז מען האט זיי געפונען אין די הויז פון דער שוחט פון קשיליוויץ.

ווען זיי זענען אהיים געקומען, פרעגט זיי דער טאטע 'וואס האט עטץ געזען דארט ביים שוחט אין שטוב?' האבן די ברידער'ס געזאגט 'מיר קענען דיר נישט גענוג זאגן די גרויסקייט פון דער מענטש, אבער דאס קענען מיר יא זאגן אז מיר האבן געזען אין איהם א חכם פון אלע מענטשן און א צדיק איבער די גאנצע וועלט'.

### דער בעש"ט סידור

דער בעש"ט האט אמאל געזאגט פאר די צוויי ברידער'ס 'עטץ זענט אזוי באליבט און חשוב אין מיינע אויגן זאגט מיר וואס א גוטע זאך איך קען טוהן פאר ענק? האבן די ברידער'ס געזאגט 'דער רבי זאל טוהן לויט ווי ער פארשטייט אין זיינע אויגן'.

האט דער בעש"ט געזאגט 'איך האב א סידור וואס איך דאווען אין איהם א יעדן טאג, שרייבט'ס דארט אריין ענקער נאמען מיט די מאמע'ס נאמען און וועלכע בקשה איהר ווילט'. זיי האבן טאקע גענומען די סידור אין ביי שמונה עשרה ביי די ברכה פון שומע תפלה האבן זיי אריין געשריבן זייערע נאמען, און אין דעם האט דער בעש"ט געדאווענט א יעדן טאג פאר זיי. מיט יארן שפעטער האט דער בעש"ט אוועק געגעבן די סידור פאר ר' מאיר אז ער זאל אריין שרייבן אין איהר פארשידענע הלכות און מנהגים על פי קבלה.

### זיי גייען צופיס

איין יאר ערב פסח איז ר' מאיר געגאנגען אויפן וועג צו שעפן מים שלנו צו באקן דערמיט מצות לכבוד פסח. עס איז געווען די צייט וואס די פילע שנייען פון די ווינטער האבן זיך אויפגעלאזט און מען האט געדארפט גיין אין די טיפע בלאטע, און אזוי האט זיך דער צדיק געשלעפט צו גיין שעפן מים שלנו.

אינמיטן גיין האט ער באגעגנט דער צדיק ר' יעקב יוסף, באקאנט אלס רב ייבי א מגיד אין אוסטראהא, ווי ער פארט אין א וואגן צוגעבינדן צו א פערד אויפן וועג צו גיין שעפן מים שלנו. רב ייבי איז דערציטערט געווארן צו זעהן ווי דער צדיק ר' מאיר שלעפט זיך מיט די פיס אין די שמוציגע בלאטע צו גיין שעפן וואסער, און ער זאגט איהם אז ער קען ארויף קומען אויף זיין וואגן צו פארן צו די פלאץ ווי מען נעמט די וואסער.

האט ר׳ מאיר געזאגט ׳אזא גרויסע מצוה וואס קומט אונטער נאר איינמאל א יאר איז צו שטארק באליבט אויף איהם און ער געבט דאס נישט אוועק פאר די פערד צו טוהן, נאר ער טוט דאס מיט זיינע אייגענע פיס׳.

אויפן פלאץ איז דער צדיק רב ייבי אראפ געשפרינגען פון זיין וועגן און צוזאמען מיט ר׳ מאיר זענען זיי געגאנגען צופיס שעפן מים שלנו.

### עסן און בענטשן פאר דער אייבישטער

ר׳ מאיר האט געהאט א תלמיד וואס האט זיך געפירט שטארק על פי חסידות און געווען זייער עהרליך. דער תלמיד איז אמאל געקומען צו ר׳ מאיר און זיך אויסגעוויינט דאס הארץ אז זיינע קינדער וואס ער טוט געבוירן האלטן זיך נישט ליידער נאר זיי גייען אוועק פון דער וועלט גאר יונג רח״ל.

ר׳ מאיר האט זיך פארטיפט אין זיינע געדאנקען צו פארשטיין פארוואס זיין תלמיד איז נישט זוכה צו אויפציהען געזונטע קינדער, און ער האט געבעטן דער תלמיד זאל איהם דערציילן איבער אלעס ווי אזוי ער פירט זיך. דער תלמיד האט אלעס דערציילט פאר זיין רבי מיט א פונקטליכקייט, אבער ר׳ מאיר האט נישט געזען אין זיינע מעשים עפעס וואס איז נישט גוט.

ר׳ מאיר האט זיך נאכמער פארטיפט, ביז ער האט אויפגעהויבן זיין קאפ און געבעטן זיין תלמיד אז ער זאל איהם דערציילן ווי אזוי ער פירט זיך ביים עסן און בענטשן.

דער תלמיד האט אלעס קלאר געזאגט, ווען אינצווישן זיינע רייד האט ער פארציילט, אז אין די הייסע זומער טעג קומט ער אהיים, און צוליב די היץ טוט ער זיך אויס די אויבערשטער קליידער וואס ער גייט אין גאס (די רעקל) און אזוי עסט ער און ער בענטשט (מיר מוזען פארשטיין אז אין יענער טעג איז נישט געווען קיין עיר קאנדישן).

ווען ר׳ מאיר דאס געהערט האט ער געזאגט ׳יעצט פארשטיי איך שוין וואס גייט דא פאר׳, און ער לייגט צו **׳אויב וועסטו זיך פארנעמען צו עסן מיט די אויבערשטער קלייד און דערמיט בענטשן און אזוי בשעת דו וועסט זיצען ביי דיין טיש און עסן, וועסטו געדענקען אז די זיצט פאר דער אייבישטער און דו וועסט עסן און בענטשן מיט א מורא פאר דער אייבישטער, וועסטו זוכה זיין צו אויפציהען געזונטע און עהרליכע קינדער׳.**

דער תלמיד האט זיך אזוי פארגענומען און אזוי געטוהן און ער האט זוכה געווען צו האבן קינדער מיט אסאך געזונטע און לעכטיגע יארן, און ער האט געשעפט פון זיי אסאך יודיש נחת.

### געטראפן די מאן

פון די גאר שווערע שאלות וואס פלעגן אנקומען צו איהם פון ארום די וועלט איז געווען פון עגונות, דאס הייסט א פרוי וואס ווייסט נישט ווי איהר מאן געפונט זיך, און ווילאנג ער לעבט טאר א פרוי נישט חתונה האבן מיט א צווייטן, און עס זענען פארהאן אין דעם אסאך גאר שווערע הלכות, ווען מען קען פסקנן פאר א פרוי אז זי מעג נישט אדער יא חתונה האבן מיט א צווייטן.

האט ר׳ מאיר זיך געפירט אז א טאג וואס ער האט געפסקנט פאר א פרוי אז זי מעג חתונה האבן מיט א צווייטע מאן, ווייל לויט די הלכות וואס ער האט געלערנט קען מען זיך ביי די פאל פארלאזן אז די מאן לעבט שוין נישט, לויט די ראיות און עדות וואס די פרוי האט געברענגט, האט ער געפאסט א גאנצן טאג, און ערשט דערנאך האט ער אפגעשריבן אויף א צעטל די היתר ווי ער פסקנט אז די פרוי מעג חתונה האבן.

האט זיך אמאל געמאכט אז ער האט זיך געגרייט צו אפשרייבן אזא היתר פאר א פרוי און ער האט טאקע געפאסט א גאנצן טאג און געבעטן דער אייבישטער אז ער זאל זוכה זיין צו פסקנן ריכטיג, און אין די צייט וואס מען האט אפגעשמועסט איז די פרוי אריבער געקומען צו איהם אין שטוב, צו באקומען די היתר. אבער ווי נאר ער האט דאס געוואלט שרייבן, האבן זיינע הענט אנגעהויבן צו ציטערן אז ער האט נישט געקענט שרייבן ביז די פעדער איז איהם ארויס געפאלן פון די הענט. האט ר׳ מאיר געזאגט פאר די פרוי אז ער קען יעצט נישט שרייבן נאר זי זאל קומען אן אנדערע טאג.

די קומעדיגע מאל האט ער ווייטער געפאסט און געבעטן א גאנצן טאג, אבער דא האט ווייטער פאסירט די זעלבע זאך, אז ווען ער האט געוואלט שרייבן די היתר, האבן זיינע הענט געציטערט און די פעדער איז ארויס געפאלן פון זיינע הענט. אזוי האט ער אפגעשטיפט די זאך אפאר מאל, ביז איינמאל זאגט ער פאר די פרוי ׳דו קענסט דיר גיין דיין וועג, ווייל דיין מאן לעבט׳. די פרוי איז ארויס פון די שטוב פון דער צדיק, און צו איהר גרויס וואונדער ווי נאר זי איז ארויס פון ר׳ מאיר׳ס שטוב האט זיך געטראפן איהר מאן אויפן גאס, נאכן איהם נישט טרעפן פאר עטליכע יאר און זייענדיג זיכער אז ער לעבט שוין נישט, איז זי יעצט געוואר געווארן אז ער לעבט און אלעס איז געווען פיין.

(מקורות: הילולא קדישא ועוד)

---

### מעשה פון דער אור שבעת הימים דער הייליגע בעל שם טוב פאר מוצאי שבת, וואס איז א סגולה פאר גרויסע זאכען

דער בעש״ט האט אמאל געפרעגט פון ר׳ מאיר מרגליות דער בעל ׳מאיר נתיבים׳ צו ער געדענקט וואס האט פאסירט מיט דיר דער שבת וואס דו ביסט געווארן פינף יאר אלט, און דו האסט שוין דאן נישט נאר געקענט חומש, נאר אויך משניות און גמרא האסטו געקענט צוליב דיין גרויס הארוואניע, און דאן האט זיך געפונען ביי דיין טאטע אין שטוב א גרויסע עולם אז די גאנצע שטוב איז געווען פיל פון איין עק ביז צום צווייטן עק און דו האסט געהאלטן א דרשה? האט ר׳ מאיר געזאגט ׳יא, איך געדענק זייער גוט וואס האט דעמאלסט פאסירט, איך האב דאן געזאגט א שטארקע דרשה ווי איך האב געפרעגט א שטארקע קשיא און געענפערט א טיפע תירוץ (ר׳ מאיר האט איבער געזאגט פאר דער בעש״ט די גאנצע דרשה וואס ער האט דאן געזאגט ביי די 5 יאר אלט), אבער מיט אמאל איז מיין מאמע אריין אין צימער און מיר אוועק געשלעפט פון דארט, האט מיין טאטע געפרעגט פארוואס זי שלעפט מיר אוועק פון דארט? האט די געזאגט ׳אז זי זעהט עפעס א מענטש אנגעטוהן מיט א מאנטל און קוקט שטארק אויף דאס קינד און זי האט מורא אז יענער לייגט ארויף א שלעכט אויג (עין הרע) אויף דאס קינד, דערפאר שלעפ איך איהם ארויס אז די עין הרע זאל נישט שאטען חלילה׳.

זאגט דער בעש״ט פאר ר׳ מאיר ׳זאלסט וויסען אז איך בין געווען יענער מענטש וואס האט דיר אנגעקוקט, און דורך מיין קוקען אויף דיר האט איך אריין געשיינט אין דיר א הייליגע לעכטיגקייט, און אויב דיין מאמע וואלט דיר נישט אוועק געשלעפט פון דארט, נאר איך וואלט געקענט ווייטער קוקען אויף דיר, וואלט איך אריין געשיינט אין דיר נאך און נאך אהן א שיעור׳.

גליון צ"ז - **פ' אחרי** - תשע"ט לפ"ק

# מודה אני...

לקט רשימות רעיונות

**התחזקות באמונה ובטחון וקבלת יסורים**

מהרה"ח ר' **מרדכי יצחק** בן **פיגא יהודית** **סאמעט** הי"ו

בעת אמירת **"מודה אני"** מידי יום ביומו

בבית הכלא

מיוחד למערכת להתענג

**כל מצותיך אמונה**

**מודה אני טייטשן**

**נייעס פון טורמע**

## מודה אני טייטשן

### מודה אני אסרו חג פסח

**בס"ד, זונטאג לסדר אחרי [ב] אסרו חג הפסח · חג אמונה כ"ג ניסן · ח' לעומר · תשע"ט לפ"ק**
**בית הסוהר אטעסוויל ניו יארק**

היינט איז אסרו חג, א נייע טאג, א נייע וואך א נייע זמן!

מיר האלטן נאך יום טוב, א הייליגער גרויסער יום טוב, דער יום טוב פון אמונה, ספעציעל די צווייטע טעג יום טוב, וואס איז מיוסד אויף אמונה, "ויאמינו בה' ובמשה עבדו".

פון די צווייטע זייט איז היינט א אביסל א שווערע טאג, ווייל אין די יום טוב טעג לעבט מען דאך אין א געהויבענעם אטמוספער, מען איז מחובר צו אזויפיל מצות, מען האט געגעסן מיכלא דמהימנותא, און ווען מען געזעגנט זיך נאך פון די גאר געהויבענע מצות, ובפרט די מצות פון השבתת חמץ וואס דאס טיילט אונז אפ פון אלעמען בייזן, און דא דארף מען צוריקגיין צו די וואכענדיגע טעג, עס גיט א שטיקל שווערע געפיל.

אבער למעשה איז דאס נישט קיין ריכטיגע מחשבה, ווייל די אלע מצות זענען דא נישט נאר לשעתן, עס איז דאך געגעבן געווארן אריינצובאקן די אמונה אויף א גאנץ יאר, ממילא ווען מען האלט נאך יום טוב, איז מען באמת בשמחה, אז מען איז אנגעפאקט מיט גאנצע זעק פון אמונה, און מען איז גלייך ווי א סאלדאט וואס האט זיך טרעניריט וויאזוי צו גיין אויפן שלאכט און ער איז פולקאם גרייט ארויסצוגיין זיך צו שלאגן מיטן שונא, און ער איז בכלל נישט טרויעריג אז ער האט געענדיגט זיינע קורסן, נאר אדרבא פארקערט ער איז פרייליך אז ער איז שוין גרייט, און אז ער האט שוין די מעגליכקייט ארויסצוגיין א זיגער פונעם מלחמה,

ממילא איז דער "מודה אני" היינט געזאגט

געווארן אין א סך א העכערע דרגא, ווייל מען שפירט זיך דערהויבן פון די פארלאפענע יום טוב טעג!

אזוי אויך האט דא היינט א שטארקער שייכות מיטן יום טוב, עס הייסט דאך "אסרו חג", וואס דאס הייסט מען איז צוגעבינדן צום יום טוב, און ווי ספרים טייטשן, אז מען בינדט צו די פנימיות פון די ימים טובים אז מען זאל זיי קענען ניצן אויף א גאנץ יאר, ממילא ווען מיר צובינדן די השפעות פונעם חג האמונה אויף א גאנץ יאר.

היינט האב איך געטראפן חיזוק בשעת'ן זאגן מודה אני מיט די פסוק פון די וואכעדיגע סדרה (ויקרא טז, א) וידבר ה' אל משה אחרי מות שני בני אהרן בקרבתם לפני ה' וימיתו, קען מען זאגן א רמז לטובה, "אחרי מות", מיינט נאכן יום טוב ווען אלע שלעכטע זאכן ווען בבחי' מיתה, "שני" איז א לשון נשאר וואס איז איבערגעבליבן, וואס מיינט וואס איז איבערגעבליבן פונעם יום טוב?, "אהרן"! וואס איז א רמז גוטס, ווי די גמרא דריקט זיך אויס אויף גיטע זאכן "דעביד עובדא דאהרן",

# כל מצותיך אמונה

## מצוה י"ד

## שלא נאכל מן הפסח לגר ותושב

## (מצוה ל"ת ז')

**שנאמר** (שמות יב, מה) **תושב ושכיר לא יאכל בו**

### הקדמה למצוה

די מצוה איז זייער א ענליכע מצוה צו די פריערדיגע מצוה (מצוה י"ג) "שלא להאכיל מן הפסח למומר", און ווי מיר האבן שוין מערער מאל ארויסגעברענגט אז לויט ווי עס איז מבואר אין די ראשונים זענען אלע מצות וואס האט א שייכות צום יום טוב פסח און איבערהויפט איבער'ן "קרבן פסח", א ענין פון אריינצופלאנצן אמונה, און מען קען זאגן א רמז אז מען זעהט אז די אלע מצות הייבן זיך אן מיט לשון "שלא" להאכיל מן הפסח למומר, וואס די ר"ת פון שלא איז ש'ורשו ל'השריש א'מונה.

און ווי מען זעהט אין חז"ל (עי' מכילתא) אז א "תושב" מיינט א גוי וואס האט מקבל געווען אויף זיך נישט צו דינען עבודה זרה, אבער ער עסט נאך נבילות וטריפות, און א "גר" מיינט איינער וואס האט זיך שוין מגייר געווען און ער האט זיך נאכנישט גע'טובל'ט לשם גירות, וואס די אלע טארן נישט עסן דעם קרבן פסח.

### דריי באזינדערע מצות

און מען דארף דאס באמת פארשטיין, ווייל דא רעדט מען דאך נישט פון קיין בעל עבירה, מען רעדט דאך פון איינער וואס האט מקבל געווען אויף זיך א חלק פון עול התורה, און דא וויל ער צוליגן נאך א מצוה, ער וויל עסן פונעם קרבן פסח, פארוואס לאזט איהם נישט די תורה עסן, ער מיינט דאך דאס ערנסט, ממילא ביי די מצוה פון "שלא יאכל מומר מן הפסח" איז דאך דאס פארשטענדליך, ווייל ער איז דאך א מומר, אבער דא רעדט מען דאך נישט פון איינער וואס מיינט שלעכטס, ובפרט ווען מען רעדט פון א גר וואס האט זיך שוין געמל'ט, נאר עס פעלט איהם נאר די חלק פון טבילה, רעדט מען דאך פון איינער וואס האלט אינמיטן מקבל זיין דער עול התורה והמצות, נאך א זאך דארף מען פארשטיין, אז עס איז דא נאך א ענליכע לא תעשה, דאס איז מצוה י"ז, "שלא יאכל ערל מן הפסח", וואס דאס איז א באזינדערע מצוה, אזוי ווי מצוה י"ג "שלא יאכל מומר", וואס דאס איז אויך א באזינדערע מצוה, אבער דא שטעלט ער צוזאמען א גר, מיט א תושב פאר איין מצוה, פארוואס ווערט נישט דער "גר" מיט דער "תושב" פארעכענט אלץ א באזינדערע מצוה, אבער "ערל" מיט "מומר" זענען יא צוויי מצות?.

נאר באמת אזוי ווי די מצוה פון קרבן פסח איז פון די יסודות פון אמונה, ממילא כדי צו האבן א שייכות מיט די מצוה דארף מען זיין אינאנצן בשלימות מיט די מצוה פון אמונה, און מען קען נישט טוען קיין האלבע זאכן, ממילא קען מען דאס זייער גוט מסביר זיין, ווייל די זאכן זענען צוויי באזינדערע זאכן, מען קען דא טרעפן דריי שטארקע נקידות וואס אויב מען האט דאס נישט פעלט דאס אין דער ענין פון צו זיין א איד בשלימות גמור, און יעדע זאך פאר זיך איז א רבותא און איינס איז נישט נכלל און צווייטן, און יעדע לא תעשה קומט מיר זאגן א צווייטע נקידה.

### דריי יסודות אין קיום המצות

א] מען דארף זיין א איד בפנימיות, ווייל עס איז נישט גענוג אז מען טוט נאר די מצות מעשיות, נאר מען דארף באמת זיין א מאמין בה', און אויב איינער טוט אלע מצות בחיצוניות, אבער עס פעלט איהם אין אמונה, פעלט אים פון זיין אידישקייט, ווייל דער תכלית פון אלע מצות איז דאך אמונה בה'.

ממילא קען מען דאס זייער גוט פארשטיין, ווייל ווען מען רעדט פון א "ערל", מיינט דאס אז ער איז א געהעריגער איד, און ער טוט רוב מצות ה', אבער אזוי

ווי ער איז נישט קיין מאמין בה׳, ממילא איז ער א "ערל", און עס דא איין מצוה וואס ער טוט נישט, ווייל עס פעלט איהם אין אמונה, ממילא אפילו אז ער טוט רוב מצות, דאך קען ער שוין נישט עסן פונעם קרבן פסח, ווייל עס פעלט איהם אין אמונה, די זעלבע זאך איז בנוגע

ב] מען דארף אויך זיין א איד בחיצוניות, ווייל עס איז נישט גענוג אז מען איז א מאמין בלב, נאר מען דארף טוען אלע "מצות מעשיות" בחיצוניות, און עס איז ידוע אז עס זענען געווען פון די משכילים וואס האבן גע'טענה'ט אז דער עיקר איז אז מען איז אין הארץ, און מען איז א מאמין בה׳, אבער מען דארף נישט טוען די מצות מעשיות, עפ"ל, אבער דער אמת איז אז אויב א מענטש טוט נישט קיין מצות מעשיות, פעלט איהם פון זיינע יסודות פון אידישקייט.

ממילא קען מען זייער גוט פארשטיין דער ענין פון א "גר" און פון א "תושב", וואס ווען מען רעדט פון א תושב און פון א גר, רעדט מען דאך פון גוים וואס זענען נאכנישט קיין אידן, וואס פון איין זייט זענען זיי געהעריגע מאמינים, זיי גלייבן אין באשעפער, נאר עס פעלט זיי די מצות מעשיות, און אויב עס פעלט זיי די מצות מעשיות פעלט אויך פון די שלימות פון א איד.

ג] נאך א נקידה איז דא אז מען דארף זיין אפגעטיילט פונם גוי, און אויב מען א שייכות מיט די גוים, אדער מען טראכט אזוי ווי די גוים טראכטן, פעלט איהם אין די יסודות פון אידישקייט, און מען קען נישט עסן פונעם קרבן פסח.

און ווען מען רעדט פון א "מומר" רעדט מען דא אויך פון א געהעריגער איד נאר דער פראבלעם איז אז האט נאך נישט זיך אפגעטיילט פון די געדאקנגאנג פון א א גוי, ממילא אפילו ער מעג מקיים זיין אלע אנדערע מצות, אבער די מצוה פון קרבן פסח קער ער נאך נישט מקיים זיין.

און באמת טראץ וואס די יסודות איז דאך נוגע ביי אלע מצות, דאך האט דער תורה געלייגט דער עיקר דגוש אויף די מצוה, צוליב וואס די מצוה איז פון די יסודות גדולות אין אמונה בה׳, און ווען מען פלאנצט איין אמונה, דארף אלעס זיין בשלימות גמור, און אויף די העכסטע מדריגות.

### הכלל היוצא לנו מכל זה:

אז כדי מקיים צו זיין די מצות פון פסח דארף מען זיין א פולשטענדיגער איד א שומר תורה ומצות, און אפילו מען האט אמונה, איז נישט גענוג, נאר מען דארף אויך מקיים זיין אלע מצות מעשית, און אויב עס פעלט א מצוה קען מען נישט האבן א שייכות צו די מצוה פון קרבן פסח, וואס דאס איז איינס פון די יסודות אין אידישקייט, צו פארשטיין וואס דאס מיינט שמירת התורה והמצות, און אז אלע מצות זענען פון א שורש, אלע מצות זענען איין קומה שלימה, און ווען עס פעלט פון די קומה, פעלט פון די גאנצע מצוה.

### א] אשר קדשנו – די מצוה איז א סגולה אויף אמונה

די אלע אזהרות וואס די תורה אט געגעבן אויף די מצוה, דאס אלעס ווייזט וויש טארק די תורה האט מקפיד געווען אז אויף די מצוה זאל עס זיין מיטן גאנצן ריינקייט, און מיטן גאנצן קלארקייט, מען דארף זין מובדל ומפורש פון יעדע זאל וואס קען נאר אריינברענגען א חסרון אדער א שוואכקייט און עניני אמונה, אדער א כח וואס שטאמט פון די סטרא אחרא, וואס פון דעם זעהט מען ווי שטארק די מצוה פון קרבן פסח איז טאקע מסוגל אריינצולייגן די אמונה טהורה אינעם מענטש מיט אזא שטארקער כח, לאמיר זיך פארשטעלן וויאזוי די אידן שבזמן בית המקדש האבן אויסגעזעהן בשעת זיי האבן זוכה געווען צו עסן דעם קרבן פסח בליל התקדש החג, און וויפיל אמונה מען האט זיך קונה געווען אין דער זמן!

און אפילו היינטיגע צייטן וואס מיר האבן ליידער נישט קיין קרבן פסח, אבער מיטן לערנען די הלכות, און מיטן האפן מיט א צפיה לישועה, און מיטן גלייבן אז די צדיקי הדור עסן פונעם קרבן פסח[א], מיט דעם

---

[א] עיין **בהגדת דברי חיים** שהביא בזה"ל: פעם אחת אחר אפיקומן אמר רבינו (מרן הקדוש מצאנז זי"ע) בזה הלשון ממש, הנה סיפר לי מה שכתוב לעשרה מאמרות אין פוחתין משׁשה טלאים המבוקרים במקדש וויא זענען די ששה טלאים אהין געקיממען, ווען דאס ביה"ק איז חרוב געווארען בעוה"ר, מען האט זייא גענוממען למדבר אין אליהו קונה נקיבות ביומא דשוקא והם פרים ורבים, ומכאן אליהו מקריב בכל יום שני קרבנות אחד בבוקר ואחד בערב, האט **הרב מאוהעל ז"ל** (ה"ה הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע) מתפלל געווען שרוצה לראות בעיני בשר, והראה לו הקב"ה כאשר אליהו עומד ומקריב, ואליהו היא כהן הדיוט ומיכאל הוא כהן גדול, [וענין זה מבואר **בייטב לב** פ׳ אמור וז"ל: מקובלני ממחלה"ה בעהמ"ח ס ישׂ"מ ותשובת השיב משה כי פע"א אחר שסיים תפלת י"ח עלה בלבו להתפלל לראות הדבר הנ"ל האמור בעשרה מאמרות ועם לבבו אמר אולי קיימא לי שעתא ואזכה לראותו ותיכף התפלל ע"ז ומילא ה׳ משאלתו וראה עין בעין את אליהו מלובש בבגדי כהונה עומד ומקריב התמיד כסדרו ודבריו הללו נודעו לרבים, עכל"ק], כמו כן כל פסח אליהו מקריב קרבן פסח אין ברענגט צו כל צדיקי הדור א שטיקעל פסח, (כי המה המינוים) אפי׳ מיר זענען נישט אין ארץ ישראל אין ירושלים ברענגט אליהו אוירא דארץ ישראל ואוירא דירושלים, אין מען זיצט אין ארץ ישראל אין מען עסט פונעם קרבן פסח, דיא וואס זענען נישט דער בייא אליהו זאל זיי ברענגען נאר זייא האלטען זיך אין צדיקי הדור אין גלייבן אז צדיקים עסין, איז אזוי וויא זיי וואלטען אליין געגעסען, עטץ וועט מיינען ברוחניות טאקע בגשמיות, אשטיק קרבן פסח, מען האט מיר פערציילט דער **רבי ר׳ זושא ז"ל** איז געווען אין איין שוהל האט מען איהם פארשלאסען ער איז אנטשלאפען געווארען האט ער זיך אויפגעהאפט, האט ער געזאגט וועט זושע פאסטען, איז געקומען דער מלאך מיכאל האט

האבן מיר אויך די זכיה צו האבן א שייכות מיט די מצוה, און אזוי קענען מיר אויך זוכה צו די השפעה פון אמונה.

איהם געברענגט שטיק טיש פון לויתן אין יין המשומר, האט **דער רבי ר' איציקעל ז"ל** (החוזה מלובלין זי"ע) געזאגט אז עס איז טאקע געווען רעכטער יין און אין רעכט שטיק פיש, **אזוי אויך צו די היינטיקע צדיקי הדור** ברענגט מען איין רעכט שטיק קרבן פסח, איי מיר זענען טמאי מתים טומאה נדחה בציבור, (ועי' בי"ג אורות שפע"א אמר שאליהו טוחב להם בבית הבליעה), מיר זענען אין ירושלים אין מיר עסין, אין דיא וואס גלייבען איז אזוי ווי זיי וואלטען געגעסען עכ"ל.

**וסיפר** מרן הגה"ק **בעל קדושת יו"ט זי"ע** שתיכף אחר זה "האט ער אנגעהויבן עסן די אפיקומן מיט אזא חיות אז די אלע וואס זענען מסובים געווען דעמאלץ דארט האבן געמיינט אז ער עסט א כזית פון קרבן פסח" (ליקוטי אורה ח"א דף קי"ז מל' רבינו מוצאי יוהכ"פ תשי"ד- תש"כ), ויש שהוסיפו שראו שנטפו שומן מפיו כאוכל בשר, (עי' הגדת עטרת יהושע).

ובס' **פי צדיק** הביא בשם הרה"ק **ר"א מרישא** ששמע מפי מרן מצאנז זי"ע בשם **הרה"ק מראפשיץ זי"ע** שראו אצלו שנוטף שומן, וכן ראו אצל הרה"ק מצאנז עיי"ש.

**ובאוצר ישראל** (דף ת"ז) הביא בשם הגאון **רבי שמעון סופר** מקראקא זצ"ל שסיפר להרה"ח ר' חיים צבי אייזנבאך ע"ה בזה"ל: יאמין לי כבודי כי בליל הסדר שחילק לנו האבא החתם סופר זי"ע כזיתים אפיקומן **הרגשנו טעם בשר ממש**, ותפש בזקנו ואמר הנני אומר **איך זאג אייך ביי די בארד** שכך הי', עכ"ל, (וכן הביא בקובץ אוצרות הסופר ח"ז דף מ' בשם הגאון רבי חנוך דוב פאדוואו ז"ל).

ובקובץ **אוצרות הסופר** (חט"ו דף ס"ו) הביא **בשם הגה"ק מגאלאנטא** זי"ע שמרן החת"ס זי"ע כשהיה אוכל את האפיקומן היה **אחזו ומהפכו מיד ליד כמו האוכל דבר חם**, כי הרגיש חמימות הצלי, ואכל קרבן פסח.

**ב] במצותיו – די מצוה איז א נסיון אויף אמונה**

יעדע מצוה האט זיך זיינע נסיונות, און עס זענען דא נסיונות וואס דער יצר הרע טוט בלבוש פון א מצוה, אז מען זאל יא געבן פון די קרבן פסח פארוועמען מען טאר נישט, ווייל א מענטש קען טראכטן אז אפשר וועט דאס משפיע זיין אויף איהם לטובה, צו פאר אנדערע תירוצים און חשבונות וואס א מענטש קען זיך מאכן, אבער דא דארף מען וויסן אז מען דארף טוען דער רצון ה', און זיך נישט זיכן זיך מתחכם צו זיין אויף דעם.

**ג] וצוונו – מען דארף טוען די מצוה אלץ דער רצון הבורא**

דער רמב"ן אויפן פסוק (ויקרא ח, לח) ויעש אהרן ובניו את כל הדברים אשר צוה ה' ביד משה, (עס רעדט זיך ביי די מצוה פון חינוך המשכן) זאגט דער רמב"ן אז דער פסוק זאגט "אשר" און נישט "כאשר", ווייל אהרן האט געטון אסאך מער ווי דער אייבירשטער האט איהם געהייסן, וואס דאס איז באמת נישט קיין גירנגע זאך, ווייל עס איז דא דא א מצוה פון שלא להוסיף, און עס איז דא א מצוה פון בל תגרע, ווייל מען דארף באמת טוען וואס דער אייבירשטער וויל, נישט מער און נישט ווייניגער, (ועי' במסילת ישרים פרק כ'), נאר דא האט משה רבינו נישט פונקטליך מסביר געווען וואס דער אייבירשטער וויל, ממילא האט אהרן זיך פארגעשטעלט אז מען דארף טוען מער, און עס איז טאקע ארויסגעקומען די מעשה פון נדב ואביהו שהקריבו אש זרה לפני, ווייל מען דארף טוען נאר דער רצון ה', און נישט מער, וואס אויב מען טוט אזוי ווייזט דאס אז מען טוט דאס לשם ה'.


# ישמח לב מבקשי ה'

אין די טעג ווערט צוגעגרייט צום דריק דער הערליכער

# "ספר מודה אני"

## רעיונות - התחזקות - רשימות

## איינגעטיילט לפי חדשי השנה אויף יעדן טאג פון יאר

### פון הר"ר מרדכי יצחק בן פיגא יהודית שליט"א

וואס וועט ערשיינען בעז"ה אין די נאנטע וואכן אנגעפילט מיט אריבער **600 זייטן** מיט **"דראמאטישע עפיזאדן"** מהנעשה והנשמע אין די טורמע ווענט פון **"מסירת נפש"** און **"קבלת יסורים באהבה"**

**עס איז איצט פארהאנען א זעלטענע געלעגנהייט צו קויפן זכותים צו פאראייביגן לנצח די זכותים**

**זכות יום אחד $50 זכות שבוע $250**

**זכות חודש $1000 זכות המהדורא $5000**

**מען קען זיך ווענדן צו:** moideanisamet@gmail.com

יודו לה' חסדו ונפלאותיו לבני אדם

# הרה"ח רבי אהרן גאלדבערג שליט"א ב"ה אנגעקומען אהיים אויף יום טוב פסח!

ערב פסח דהאי שתא בעוד ינטו צללי ערב, הארט פאר'ן כניסת היום, ווען כלל ישראל אין אמעריקא זענען געגאנגען באקן די "מצות מצוה" איז אנגעקומען די פרייליכע בשורה פון עיה"ק ירושלים ת"ו אז **הרב החסיד רבי אהרן גאלדבערג שליט"א** איז אין א גיטע שעה ב"ה באפרייט געווארן פון טורמע, און איז בעז"ה בשעה טובה ומוצלחת אנגעקומען צו זיין ליכטיגע היים אין ירושלים, און ער איז טאקע אנגעקומען "ממש אין די ריכטיגע מינוט", **ווייל ווען ער האט אריינגעטרעטן צו זיך אין שטוב איז שוין געווען ווייניגער ווי א האלבע שעה צום "זמן הדלקת הנרות"!!!**

שוין א לענגערע צייט וואס כלל ישראל האלט מיט איבער דער צושטאנד פון הר"ר אהרן שליט"א, וואס זיין טורמע טערמין איז פארענדיגט געווארן, און מען איז געווען באזארגט צו ער וועט קענען זיין אינדערהיים אויפן יום טוב פסח, און אין די לעצטערע חדשים איז געמאכט געווארן גרויס השתדלות דורך חשובע עסקנים שיחיו, אז מען זאל איהם "גלייך פון טורמע" אפפירן צום "עירפארט", און אז מען זאל איהם נישט אויפהאלטן אין עפעס א "אימיגראציע שעלטער", וואס אזוי איז געווענטליך דער סדר ביי אזעלכע פעלער אז מען שיקט נישט גלייך אפ דער ארעסטאנט אהיים, נאר מען האלט איהם אויף מיט ביוראקראטישע אויסריידן, אבער אזוי ווי מען האט נישט געוויסט אויב עס וועט טאקע געלונגען, איז מען ביז די לעצטע מינוט געווען באזארגט וואס עס וועט זיין זיין גורל, און ב"ה אז דער אייבערשטער האט געהאלפן אז ער האט געקענט זיין אינדערהיים, און פראווענען א לעכטיגן יום טוב!

א חלק פון די פינאנצן פון די השתדלות איז געדעקט געווארן דורך אחב"י די טייערע אידן שיחיו, וואס האבן זיך אנגערופן גאר ווארעם ביים "אח לצרה" קאמפיין, וואס הר"ר מרדכי יצחק האט אינטערגענומען לטובת הר"ר אהרן שליט"א, וואס אט די הילף האט ב"ה עושה רושם געווען אז מען האט געקענט טוען די ריכטיגע שריט.

**די געוואלדיגע השגחה פרטית!**

אזוי ווי הר"ר מרדכי יצחק לערנט אפ יעדע זאך מיט א טיפע בליק, און ער טרעפט אין יעדע מצב דער "חלק הטוב שבו", קען מען דא זעהן די געוואלדיגער יד ה' וויאזוי די זאכן האבן זיך געפירט ממש אויפן טאג, אז אזוי ווי הר"ר אהרן גאלדבערג קען נישט קיין טראפ ענגליש, און ווען ער איז אנגעקומען אין טורמע איז ער קודם געווען אין "עם. די. סי." אין ברוקלין, און דארט איז ער געווען צוזאמען מיט אפאר היימישע אידן, וואס האבן געדינט אלץ דאלמיטשער פאר איהם, און ווען מען האט איהם פאראורטיילט פאר איינס און א האלב יאר טורמע, האט מען איהם צוגעטיילט צו גיין קיין "עלנוואוד", וואס בשעת דעם געריכט אורטייל איז נאך דארט נישט געווען קיין איין היימישע איד.

אבער אינצווישן האט דער אייבערשטער געפירט אז הר"ר מרדכי יצחק זאל דארט אויך אנקומען, - וואגב אין צווישן די וואכן איז הר"ר מרדכי יצחק געווען מיט איהם בערך דריי ½ וואכן אין "עם. די. סי.", ווי זיי האבן זיך צום ערשט באקענט - און ביז אפאר טאג איז הר"ר אהרן איהם אנגעקומען, אזוי האט הר"ר מרדכי יצחק איהם געקענט ארויסהעלפן אויף טריט און שריט, און אזוי איז געווען, הר"ר אהרן איז אנגעקומען קיין עלנוואוד א וואך נאך חנוכה תשע"ח, וואס איז געווען צוויי וואכן נאכדעם וואס מען האט געטרענספערט הר"ר מרדכי יצחק, און אויב וואלט ער נישט געהאט הר"ר מרדכי יצחק וואלט זיך ממש נישט געקענט א עצה געבן.

און אינאיינוועגס איז דאס אויך געווען א געוואליגע חיזוק פאר הר"ר מרדכי יצחק האבנדיגע מיט זיך א פלאם פייערדיגער חסידישער איד, וואס אזוי האבן זיי אינאיינעם געפראוועט געהויבענע שבתים און ימים טובים, ווי שוין באריכט געווען צווישן די שפאלטענס פון "מודה אני".

וראה זה פלא! אז ממש די וואך פון פסח (דינסטאג אחרי א') איז הר"ר מרדכי יצחק וועקגעגאנגען פון עלנוואוד, אין גלייך דאנערשטאג מיטאג בליל בדיקת חמץ איז הר"ר אהרן אפגעפלויגן אהיים קיין ארץ ישראל.

ממש הפלא ופלא!

הושענא גולה וסורה:

# דער ''טרענספער''

## פון "עלנוואד" קיין אויטיסוויל, ניו יארק

### ניסן תשע"ט לפ"ק

עס איז באקאנט מפי ספרים וסופרים אז א יעדער איינציגער איד דארף דורכגיין מ"ב מסעות (42) נסיעות במשך פון זיין לעבן (עי' דגל פ' מסעי בשם הבעל טוב הק'). אבער "ווען" מען גייט דאס אדורך, ווייסט קיינער נישט, מען ווייסט נישט וויאזוי די 42 איז אויסגערעכנט פאר אים. אדער "ווי לאנג" איין מסע נעמט, און "וואס עס ווערט פארעכנט" אלץ איין מסע, אסאך מאל איז איין דורכגאנג צוזאמגעשטעלט מיט אנדערע אידן.

יעדער איינער דארף דאס ערפילן לויט וויאזוי השי"ת לייגט דאס אויס פאר אים במשך זיין גאנץ לעבן. יעדעס איינע פון די 42 נסיעות האט פילע 'תיקונים' און טייל זענען שווער, טייל זענען געשמאק, און געוויסע זענען אויסגעמישט; דער חשבון פון דעם נומער 42 איז אין דעם יד ה' וויאזוי ער וויל. ער פירט דאס און מאכט דאס אויף זיין וועג. יעדער קליינער ריר אדער גרויסע איז אייביג אין זיינע הענט. וועגן דעם דארף דער מענטש זיין דבוק אינעם אייבירשטן צו יעדע צייט, און לאזן השי"ת דאס פירן לויט ווי ער וויל, און אזוי ווי ער פארשטייט, ווייל ער איז דער בעסטער און 'טוב ה' לכל' נישט קיין חילוק דער מצב. אבער ווען א איד איז מדובק אין השי"ת און גרייט פאר השי"ת, פרעגט ער נישט קיין שאלות פארוואס?, נאר ער גייט אדורך די 42 מסעות אויף א פרייליכן אופן. נישט קיין נפקא מינא וויאזוי עס גייט זאל עס זיין זיס און מיט הצלחה.

**א יעדער איד פרובירט און דארף טוען אלע מצות וואס ער טוט, אין דעם נאמען פון אלע אידישע קינדער, אזוי ווי מען זאגט 'בשם כל ישראל', ווייל מיר זענען פארבינדן אין איין גוף. אפילו ווען מיר טוען יחידישע ענינים איז יעדער איינער אויך פארבינדן מיט יעדן איינעם אנדערש. ווען איינער האט א שווערער מצב, איז א עצה אינזינען האבן אלע אנדערע אידישע קינדער, אז מיט דעם דורכגאנג זאל ער יוצא זיין פאר אלע אנדערע אידן, כדי זיי זאלן נישט דארפן האבן קיין שווערע צייטן.**

ווען מיר רעדן פונעם איצטיגן "מסע", וואס איז אינדערמיטן פון דעם לאנגן וועג וואס האט זיך אנגעהויבן ה' ניסן תשס"א (למספ' מערץ 29, 2001) זענען געווען אסאך פארשידענע מסעות, און איך בין זיכער אז ווערט גערעכנט אנטקעגן די 42. איך האף אז די דאזיגע מסעות וועלן זיך משלים זיין אויפן בעסטן אופן מעגליך, און וועלן זיין נענטער צום סוף פון די זאכן און ענדיגן מיט זיסקייט און פרייליכקייט. די מסעות וואס איך וועל זיך מיט אייך איצט מיטיילן, די וואך, פון אנפאנג דעם 10'טן טאג פון ניסן האט זיך אפגעשפילט צווישן "עלנוואד", פענסלווועניע און "אויטיסוויל", ניו יארק. דער ארטיקל טוט בלויז פארשטעלן די נסיעה און אנקום, און נישט וואס האט זיך אפגעשפילט בעפאר און דערנאך.

נא איך וועל מקדים זיין אפאר הקדמות און ידועות כדי דער לייענער זאל פארשטיין אביסל פון וואס עס גייט פאר אינטער די קוליסן.

ווי דערמאנט שוין עטליכע מאל, אז דער ענין פון פירן ארעסטאנטן פון איין פלאץ צו אן אנדערע פלאץ, איז נישט אזוי פשוט, און צו פארשטיין צו געבן אויף א גרינגער וועג, וועל איך דאס מסביר זיין:

**א ארעסטאנט אויפן וועג איז נישט קיין "בשר ודם", ער איז א "פעקל". דער וועג וויאזוי מענטשן אויף דער פריי שיקן פעקלעך, איז דער זעלבער וועג וויאזוי זיי שיקן מענטשן.** ווען איר לייגט אריין א בריוו אין דעם פאסט קעסטל, אפילו ווען איר שיקט דאס צו אייער שכן וואס וואוינט נעבן אייך ביים קומעדיגע טיר, קען דער בריוו דורכגיין איבער גאנץ אמעריקע ביז עס קומט אן צו איר דעסטינאציע. דאס זעלבע מיט אן ארעסטאנט, ווען מען פירט אים פון איין פלאץ צום קומעדיגן, קענען זיי אים אפשיקן פון איין פלאץ צום קומעדיגן, **און אסאך מאל אפילו דער קומדיגער פלאץ איז ממש 15 מינוט אוועק, קען דאס נעמען חדשים אים אפצופירן צו זיין דעסטינאציע.**

איידער די צייט קומט פאר אן ארעסטאנט אים צו אוועקפירן ווערט ער אנגעזאגט "איינצופאקן" זיינע זאכן אז דאס זאל קענען זיין גרייט אפצושיקן צו זיין קומעדיגער דעסטינאציע. וואס אימער ער פאקט נישט איין יענעם טאג וועט נישט מיטגיין מיט אים. דאס זיך צוזאם פאקן טאג קען זיין טעג אדער וואכן בעפאר ער זעלבסט פארלאזט דאס פלאץ. איינמאל דער ארעסטאנט

קומט צו זיין דעסטינאציע גיין זיינע נכסים נישט מיט מיט אים, עס ווערט געשיקט עקסטער. וועגן דעם קענען זיינע נכסים אנקומען אפגערוקט א פאר טעג פאר זיין אנקום אדער קען עס נעמען וואכן נאך זיין אנקום. ממילא קענט איר זיך פארשטעלן, אז איינער קען בלייבן פאר א לאנגער צייט אן האבן זיין אייגענע זאכן וואס קען מאכן דאס לעבן זייער זייער שווער און אומבאקוועם. און עס איז באמת נישטא קיין ווערטער צו מצייר זיין וויאזוי עס איז אין דעם מצב און קיינער זאל דאס קיינמאל נישט דורכלעבן. איינע פון די שווערסטע צייטן אין תפיסה איז ווערנדיג אריבער געפירט פון איין פלאץ צו אן אנדערן.

אן אנדער נקודה צו דערמאנען איז אז בעת א "טרענספער" זענט איר נישט ערלויבט איינצופאקן זיך אלע אייערע נכסים. עס זענען דא שטרענגע פארשריפטן "ווי סאך" מען קען זיך איינפאקן און "וואס" עס קען ווערן אפגעשיקט. זיי ערלויבן אונז נישט צו שיקן אלעס, נו וואס טוט מען?, דארפן מיר אנהייבן אוועקטיילן זאכן, ווייל מען קען דאס נישט מיטנעמען מיט זיך. וועגן דעם איז דער סדר צו פארלירן וויכטיגע און ווערדפולע חפצים. רוב מאל טוען מענטשן פארלירן אסאך פון זייערע זאכן וואס זענען ווערדפול צו זיי, און דאס א טייל פון דעם "טרענספער" פראצעדור.

נאך א נקודה צו דערמאנען אז זיי זאגן אונז נישט דער טאג אדער שעה וואס מיר וועלן פארלאזן די תפיסה צו ווערן 'טראנספערירט' ממילא לעבט מען אפאר טאג אין ספיקות נישט וויסנדיג ווען עס וועט פאסירן. דאס מאכט זייער א גרויסן אנגעשטרענגקייט נישט וויסנדיג וואס וועט געשען און ווען. אסאך מאל פרובירן דאס ארעסטאנטן אויסצוגעפינען פון אומאפיציעלע מקורות אבער עס איז אייביג שווער צו וויסן פונקטליך ווען. זיי טענה'ן און געבן א תירוץ פארוואס זיי זאגן דאס נישט אויס פון פריער, אז עס איז צוליב "זיכערהייט" סיבות.

איך בין זיכער אז טייל מענטשן געדענקן מיין אריבערציאונג פון "אויטיסוויל" צו "עלנוואוד", (בחודש חשון כסליו תשע"ח לפ"ק) און ווי שווער דאס איז צוגעגאנגן. מיר האבן פראבירט מיט אסאך השתדלות דאס צו פארמיידן, און מיר האבן געהאפט דאס נישט איבערחזר'ן. מיר האבן פרובירט אז מען זאל מאכן דעם טרענספער גראד פון עלנוואוד צו אויטסוויל אן קיינע אפשטעלונגן ערגעץ אנדערש ווי. זיי האבן קודם געזאגט אז דאס איז אומעגליך, אבער צום סוף איז געשען אסאך אינטערסאנטע ענינים ווי איר וועט לייענען ווייטער.

## מאנטאג מצורע - ב' ניסן

אויף מאנטיג, אפריל דעם 8'טן אינדערפרי בערך 7 אייזגער בין איך געווארן אנגעזאגט צו זיך פארפאקן מיין אייגנטום און דאס צוברענגען צו R+D (אויסשרייבן אפטיילונג). דער מעלדונג איז געווען גאר גוטע נייעס וויבאלד זיי האבן מיך קודם געוואלט אפהאלטן אין עלנוואוד און נישט געוואלט מיך אפשיקן צו אויטסוויל. געווענליך ווען אימער אן ארעסטאנט פארלאנגט עפעס טוען זיי דאס פארקערטע. איך האב נישט פארשטאנען פארוואס זיי ווילן מיך אפהאלטן אין עלנוואוד ווייל עס איז דאך געווען פארשידענע פראבלען יעדן טאג און משער געווען אז זיי ברויכן מיך נישט דארטן, אבער דאס איז דער "בי.אוי.פי". – אין טורמע דרייט זיך א ווערטל אז בי. אוי. פי. איז די ר"ת ווי "ב'עקווארדס א'ן פ'וירפעס" (צוריקהאלטן אן טוען פארקערט במכיוון), פון דער אנדערע זייט ווען זיי האבן מיר געזאגט צו זיך איינפאקן, האב איך געוויסט אז וועט זיין א געווענליכער נסיעה ווייל אויב דאס וואלט געווען א ספעציעלער נסיעה גראד קיין אטעסוויל זאגן זיי נישט אייביג זיך איינצופאקן די חפצים. איך האב זיך פארבינדן מיט געוויסע חברה מיר צו העלפן מיט דעם טרענספער, און זיי האבן מיר געזאגט אז זיי ווייסן נישט וויאזוי זיי וועלן מיך אריבערפירן אבער מען האט זיי צוגעזאגט אז איך וועל זיין ביי מיין דעסטינאציע אין אויטסוויל בעפאר פסח. איך בין געווארן פארזיכערט מיט די ידיעה ווייל פסח איז שוין אט אט אויסגעפאלן אין קום צוויי וואכן.

ווען איך האב זיך איינגעפאקט מיינע חפצים האב איך געפרעגט ווען איך וועל פארלאזן און זיי האבן מיר געזאגט אז זיי קענען מיר דאס נישט אויסזאגן. איך האב זיי געזאגט אז איך דארף אנקומען אין אויטיסוויל נאך בעפאר "פסח", אבער זיי האבן מיר ווייטער דאס נישט געוואלט אויסזאגן. אבער דארטן איז גראדע געווען איין אפיציר וואס איז געווען אביסל גרינגער וואס האט מיר געזאגט אז עס וועט נישט זיין קיין שום באסעס די וואך. געווענליך פון עלנוואוד פארן באסעס יעדן מאנטיג און דאנערשטאג, איז פון דעם האב איך געקומען צו די מסקנא אז אויף מאנטיג וועל איך אוועקגיין. איך האב דאס נישט געקענט אנעמען פאר זיכער ווייל מען קען זיי קיינמאל נישט גלייבן. דעריבער האב איך פארשטאנען, אז איך וועל זיין נאך א שבת אין עלנוואוד און דאס לעצטער שבת איז שבת הגדול.

## מאנטאג אחרי (א) ט' ניסן

דער מאנטיג איז אנגעקומען עס איז אפריל דעם 15'טן למספרם, געווענטליך פארט אפ דער באס פארטאגס, און האב געטראכט וויפיעל אזייגער זיי וועלן מיך לאזן רופן, און אויב איך האב נאך צייט צו דאווענען שחרית בעפאר, און איך האב נישט געוויסט ווען דער באס וועט אנקומען צום דעסטינאציע, און וועל מעגליך נישט האבן קיין צייט ביינאכט. דאס פריסטע צייט צו דאווענען איז געווען בערך 5:16 פארטאגס, דאס איז געווען דער עלות השחר, און די

צייט וואס מען קען אנטאן תפילין איז בערך 5:35. ארום 5:20, האבן זיי מיר געלאזט וויסן אז איך זאל זיין גרייט אין 20 מינוט צו גיין צו R+D פאר דעם באס. איך האב געקלערט אפשר וועל איך דאוונען אין R+D, ווייל אסאך מאל קענען מיר דארטןווארטן זייער א לאנגע צייט, אבער איך האב נישט געוואלט איינשטעלן, האב איך גלייך אנגעטועון טלית און תפילין און געדאווענט, און ארום 5:50 זענען זיי געקומען מיך אפנעמען, און איך האב זיי געבעטן נאך 5 מינוט, ב"ה אז זיי האבן מיר נישט געשטערט און איך בין געווארן ערלויבט צו ענדיגן דאווענען.

ווען איך האב פארענדיגט דאס דאווענען בין איך געגאנגען צו R+D עס איז געווען 6:00.

ווען איך בין אנגעקומען צום R+D האבן זיי מיך שוין געווארט און איך בין געווען דער לעצטער ארויפצושטייגן אויפ'ן באס. עס זענען געווען ארום 7 מענטשן וואס זענען געפארן יענעם טאג אויף דעם באס. איך בין געווען פריילעך און געדאנקט השי"ת אז איך האב געמאכט דעם באשלוס צו דאווענען ווייל אויב וואלט איך געווארט צו דאווענען ווען איך בין געגאנגען צום R+D וואלט איך נישט געהאט די צייט דאס צו טאן. און ווי איר וועט זעהן שפעטער אין די געשיכטע וואלט איך מסתם נישט געהאט די צייט צו דאווענען שפעטער אויך נישט ווייל איך בין צוריקגעקומען שפעט, און זיי האבן מיך ארייגעלייגט אין דעם SHU, און עס וואלט געווען זייער א שווערע צייט ווייל די תנאים דארט זענען געווען גאר שווער צו דאווענען.

ווען אן ארעסטאנט קומט צום R+D צו ווערן טראנספערירט, לייגן זיי אים אריין געווענליך אין א צימער צו ווארטן, אבער דאס מאל וויבאלד איך בין געווען שפעט האבן זיי מיך צוגעגרייט ארויפצושטייגן אויפ'ן באס תיכף ומיד. און דאס איז וויאזוי זיי גרייטן אונז צו ארויפצושטייגן אויפ'ן באס

עס איז דא א ספעציעלער צימער ווי זיי טוען אייך אויס, און מען דארף אויסטוען אלעס!, אלע אייערע קליידונג. זיי געבן אייך דאן "באס קליידונג" און דאס איז אלעס וואס מיר זענען ערלויבט צו האבן אנגעטוען. אסאך פלעצער איז די קליידער געמאכט פון "פאפיר"...., אנדערע פלעצער געבן אייך "אלטע" און "שמוציגע" קליידונג. איר קענט נישט מיטנעמען א קאפל אדער ציצית. אויב האט איר סיי וואס וואס באלאנגט צו אייך, וועט איר דאס פארלירן, ווייל איר קענט דאס נישט מיטנעמען מיט אייך. געווענליך ווען מענטשן גייען צו דעם באס ווייסן זיי גארנישט מיטצנעמען מיט זיך ווייל זיי גייען דאס פארלירן.

הודו לה', איך האב געהאט די זכי' צו נעמען דאס "קאפל" און "ציצית", און מיינע געווענליכע שיך (זיי געבן שיך פון האלץ!), איך מוז זאגן אז די צוויי אפיצירן פון "אר" ענד "די", אז השי"ת האט זיי געגעבן גוטע ווערטער און זיי זענען געווען אייביג בייהילפיג אין די ענינים. ווען איך האב זיי אויפמערזאם געמאכט אז איך מוז גיין מיט א קאפל און ציצית און שיך אלץ א רעליגיעזע רעכט, האבן די אפיצירן פון די באס אנגעפרעגט די אפיצירן פון אר. ענד די. אויב איך בין ערלויבט און זיי האבן זיי געזאגט אז יא. דער לוטענענט האט אויך געזאגט אז דאס גוט, אויף די שיך האט לוטענענט נאכגעקוקט און איך האב א "מעדיצינישע ערלויבעניש" דערויף, ממילא בין איך געווארן ערלויבט מיטצונעמען די שיך אויך. דאס איז א גרויסער חסד און איך האב אויף דעם זייער מורא געהאט, ווייל לעצטענס האב איך געהאט א פראבלעם מיט די ציצית (ווי שוין געווען באשריבן וויאזוי דאס פריערדיגע מאל בין איך בייגעקומען דעם ניסיון פון די ציצית איך האב אפגעשטופט מיין אפשטימונג צום דאקטער דערוועגן), אבער בעזרת השי"ת איז איצט נישט געווען קיין פראבלעם. דאס איז א מוסר השכל נישט זיך צו זארגן, ווייל יעדער טאג איז א נייער טאג מיט נייע מעגליכקייטן. עס איז נישט פארהאן קיינע ווערטער צו אויסדרוקן מיין שמחה אז דער נסיעה איז דורך געשמירט און מיך דערלויבט צו גיין מיט מיין ציצית און פערזענליכער קאפל.

נאר צו דערמאנען, כאטש מיר זענען נישט דערלויבט מיטצונעמען גארנישט אויף דעם באס, א דאנק דעם אייבערשטן אויב א איד וויל מיטנעמען זיין טלית ותפילין האט ער רשות פאר דעם, און דאס איז עסטאבאלזירט מיט פאליסי, און צוגעשטעלט צו דאס אהערשטעלן מיט דעם טשאפלען פון פאראויס פאר'ן אוועקגיין. אוודאי האב איך דאס ערלעדיגט פאר זיך אליינס.

נאכדעם וואס זיי ענדיגן איבעטוען אייערע קליידונג גייט איר צו אן אנדער אפטיילונג, און מען "קייטלט די הענט און די פיס", און זיי גארטעלן ארום א "אייזערנער קייט" ארום אייערע לענדן. ווין איך האב געזאגט פריערט בין איך געווען דער לעצטער דארטן, און נאכדעם וואס זיי האבן מיך געקייטעלט בין איך געווארן אפגעשיקט צו אן אנדער צימער צו ווארטן מיט די איבעריגע ארעסטאנטן. נאכ'ן זיצן אין דעם צימער פאר אפאר מינוט, איז דער לוטענענט אריינגעקומען צו עפענען דעם טיר און אנגעהייבן אויסצורופן נעמען. ווען מען רופט אויס אייער נאמען, דארפט איר זאגן אייער נומער און זיך שטעלן אין די שורה צו זיין גרייט צו גיין. דאס איז געווען בערך 7:00.

ווען דער לוטענענט האט אויסגערופן די נעמען, עפעס וואס איך האב געזען דאס מאל, עפעס וואס איך האב נאך קיינמאל נישט געזען פון פריער, ווייל מענטשן ווייסן נישט ווי זיי גייען. ווען ער האט אויסגערופן זייער נאמען און דער ארעסטאנט ענטפערט מיט זיין נומבער, האט ער זיי געזאגט ווי זיי גייען, קיינער וואס איז געווען מיט מיר האט נישט געוויסט ווי איך גיי, מילא איז דער לוטענענט געווען זייער גוטהארציג פאר'ן אונז צו זאגן ווי מיר גייען. ווען ער האט מיך גערופן האט ער מיר געזאגט אז איך גיי קיין "אויטעסוויל". איך האב אים געפרעגט אויב מיר גיין

קודם צו עם.די.סי. אדער אן אנדער פלאץ. האט ער מיר גענטפערט אז מיר גייען קיין קודם 'קענאן' (עס איז א שווערע דורכגאנג טורמע- איך בין דארט געווען ניין טעג בחודש כסליו תשע"ח), דערנאך צו 'עם.די.סי.' אבער אן קיין אנונג ווילאנג דאס וועט נעמען. נאר צו ברענגן צו אייער השגה, איר קענט גיין צו קענאן, צו אקלאהאמע סיטי, אטלאנטע, און אדורכרייזן איבער דאס גאנצער לאנד, און מען וועט קיינמאל נישט וויסן דער וועג וואס מיר גייען נעמען. איך ווייס נישט צו דאס ווערט געטוען בכוונה אדער סתם פארנאכליסיגקייט אבער דאס ווערט געטוען זייער אומבאלימפערט.

ווען זיי רופן יעדן איינעם צו גיין צום באס, זענען מיר געבונדן אין קייטלען און מיר ברויכן אזוי שפאצירן מיט דעם "לוטענענט" און אגלייטונג פון "פיר אפיצירן", דורך דעם פאדערשטן זאל צו דעם באס. עס איז זייער שווער אזוי צו גיין ווייל מיר זענען דאך געבינדן הענט און פיס. אזוי ווי מיר קומען אן צום סוף פון בנין זעהן מיר צוויי באסעס אין פארענט פון אונז. "עלנוואד" איז א קאמפלעקס מיט דריי אנדערע תפיסות, א "פאניטענטערי" ד"ה: גאר א שווערע באוואכטער תפיסה, א "מידיום" ד"ה: א מיטעלער באוואכטער תפיסה, און א "לאו": ד"ה נידעריגער שטאפל באוואכטער תפיסה. יעדער אפטייל האט אירע אייגענע הויפן אין בנינים, פון א עס זאל SHU און צימערן וכדו'. איז גייען מיר ארויס צו איינע פון די באסעס און זיי האבן אונז געהייסן צו גיין צו איינע פון די באסעס, און דער באס איז געווען דער "מידיום", און עס איז שוין געווען אנדערע מענטשן אויף דעם באס. איך ווייס נישט וויפל מענטשן זענען געווען אויף דער אנדערע באס. דער באס איז נישט געווען פיל. מיר זענען געווען ארום זיבן און עס זענען שוין געווען ארום זיבן אויפ'ן באס פאר אונז זענען ארויפגעקומען, ממילא איז געווען פערצן סך הכל. די באסעס זענען געווען ארום גענומען דורך אפיצירן מיט "גרויסע רעוואלווערן". מיר שטייגן ארויף אויף דעם באס און דארטן זענען דא "צוויי אפיצירן" אין פארענט און איינער פון הונטן מיט גרויסע "רעוואלווערן". הייבן מיר אן פארןביידע באסעס צוזאמען. זיי זאגן אונז נישט וואס איז זייער פלאן פאר'ן טאג, נאר זאגן אונז אז עס א לאנגער וועג צו פארן. איר דארפט וויסן אז צו פארן די וועג צו קענאן פון עלנוואד איז נארמאל בערך נישט מער ווי א האלבער שעה, אבער דער אופן ווי זיי טוען זאכן איז דאס אסאך לענגער די צייט. ווייל זיי גייען נישט גראד, זיי מאכן פארשידענע אפשטעלונגען און יעדער אפשטעל נעמט צייט. דא וועלן מיר אריינגיין דערין ווייטער די פאלגענדע אפשטעלונגען.

## ערשטער אפשטעל

ווי די באסעס לאזן זיך אין וועג, דאס ערשטער אפשטעל איז געווען אין **יו.עס.פי לואיסבערג**. איינע פון די באסעס פון דער **'פעניטענטערי'** אין עלנוואד איז אריין אין לואיסבערג 'קאומפאונד' און אונזער באס האט געווארט אינדערויסן. זיי זענען געגאנגען אפנעמען אנדערע ארעסטאנטען. מיר זענען געזעצן אויף דעם באס בערך 45 מינוט, און זיי זענען ארויסגעקומען ווי מיר האבן אנגעהויבן פארן צום קומענדיגן אפשטעל. **זיי האבן אונז נישט געגעבן קיין שום עסן. נישט קיין פרישטאג אדער מיטאג. זיי געבן געווענליך עפעס אבער נישט דאס מאל און קיינמאל קיין כשר עסנווארג.**

## צווייטער אפשטעל

מיר האבן זיך אפגעשטעלט נעבען א **רעסטוראנט** און זיי האבן געקויפט עפעס **עסן** פאר די **אפיצירן** אבער זיי האבן גארנישט געגעבן פאר די ארעסטאנטן, מיר ווארטן בערך א האלבער שעה ביז זיי קומען אלע צוריק. זיי מאכן זיכער אז זיי זענען זאט אן גארנישט געבן צו די ארעסטאנטן. דער חלק הטוב שבו!, דער אפשטעל איז געווען אין א גרויסער "שאפינג מאלל" מילא קענען מיר זעהן דער דערויסנדיגער וועלט אביסל וואס אין תפיסה קענען מיר גארנישט זעהן פון אזוינע מראות פון די פרייער וועלט דורכן פענסטער פונעם באס ווייל דער תפיסה איז איז צווישן ביימער און וועלדער אפגעזונדערט און ווייט אוועק פארמאכט פון דאס געזעלשאפט.

## דריטער אפשטעל

דאס דריטער אפשטעל איז געווען ביי א **גאז סטאנציע,** און דערנאך זענען מיר אנגעקומען צום **העריסבערג לופטפעלד**. אנקומנדיג אהין זענען דארטן געווען אסאך באסעס פון אלע פארשידענע תפיסות לכל הפחות 20 אדער מער און א אפטייל אינדערויסן פון **לופטפעלד** און ווארטנדיג צוזאמען ביז אלע באסעס זענען אנגעקומען. איינמאל אלע באסעס זענען אנגעקומען זענען מיר אריין אין לופטפעלד אין א ספעציעלע פארמאכטע פלאץ וואס איז אהערגעשטעלט פאר דעם ציל. אלע באסעס האבן זיך אויסגעשורה'ט און אנגעהויבן זיך אויסצוטוישן מיט די ארעסטאנטן פון איין באס צום אנדערן פאר די חברה וואס ווערן געפירט פון איין פלאץ צו א צווייטן. טייל זענען געגאנגען צו **עלנוואד** פון אנדערע פלעצער און מיין באס האט פארלאזט **עלנוואד** גייענדיג צו פארשידענע אנדערע פלעצער צום ריכטונג פון זייערע אייגענע דעסטינאציעס. עס וועט מעגליך זיין אז זיי וועלן ווערן אריבערגעפירט צו אן אנדער טראנספער פונקט צו אן אנדער לופטפעלד און אן אנדער אומבאוויסטער לאקאציע. **עס קען זיין אסאך טייל חברה זענען געשטראנדעט גייענדיג פון איין באס צום אנדערן פאר צוויי אדער דריי טעג אדער מער.**

ווען זיי רופן איינעם אפצושטייגן פון דעם באס, די אפיצירן פון יענער באס מאכן זיכער זיך אויסצוטוישן

די פאפירן מיט די אפיצירן פון דעם אנדערן באס וואס נעמט אייך אפ. מיר ווערן אינטערגעזוכט ווידערמאל. עס איז געווען ביטער קאלט און די אפיצירן זענען ווארעם אנגעפעלצט מה שאין כן די ארעסטאנטן זענען אנגעטוען מיט **איינפאכע העמד און הויזן און שטעק שיך**, וואס טייל דערפון, ווי אויבן מסביר געווען, **איז געמאכט פון פאפיר**, דאס איז זייער רציחהדיג.

דאס רוב פון דעם באס ווערן אויסגערופן ביי זייערע נעמען, אסאך מאל ווערן חברה נישט אויסגערופן ווייל ער גייט ווייטער אויפן זעלבן באס צו אן אנדער לאקאציע. **אויף דעם באס האבן זיי אויסגערופן א חברה מאן וואס איך האב געוויסט אז ער גייט צום זעלבן לאקאציע וואס איך האב לכאורה געדארפט גיין, אבער זיי האבן מיך נישט אויסגערופן מיין נאמען.** איך האב געווארט און זיי האבן ווייטער אויסגערופן אנדערע חברה וואס גייען צו אנדערע פלעצער. איך האב געקלערט אפשר גייען זיי מיך שיקן אן אנדער וועג. איז נאך א שטיק צייט פרעג איך דעם אפיציר וואס גייט פאר מיט מיר ווייל זיי האבן מיך נישט אויסגערופן מיין נאמען.

נאכדעם וואס דער באס האט זיך אנגעפילט מיט נייע פאסאזשירן האב איך געפרעגט דעם לוטענענט וואס עס גייט פאר מיר מיר האט ער מיר געזאגט אז, **"מיר האבן באקומען א טעלעפאן קאלל פון דעם אטורני זשענעראל אז דו גייסט צוריק קיין עלנוואד"....!.**

ער האט דאס געזאגט זייער הויך אז אלע זאלן דאס קענען הערן. **אלע אויפ'ן באס האבן הויך אויסגעשריגן WOW WOW! וואס איז געשען אז דער אטורני זשענעראל בכבודו ובעצמו איז דא פארמישט.**

איך האב אים געפרעגט פארוואס און ער האט געזאגט ער ווייסט נישט, **אבער עס איז "רעליגיעזע סיבות".** ווען דו קומסט אן קיין עלנוואד פרעג זיי דארטן וואס איז געשען...

איצט בין איך שוין געווען אינגאנצן צומישט און נישט געוויסט וואס צו טראכטן. מיר דארפן אייביג טראכטן אז 'כל מה דעביד רחמנה לטב עביד' אז אלעס צום גוטן האב איך געטראכט אפשר איך גיי צוריק און איך גיי אהיים, אדער "אפשר וועל איך האבן א קאר צו גיין דירעקט צו אויטיסוויל", ווייל אויב גיי איך ווייטער פארן דעם וועג וואס איך גיי איצט וועט דאס זיין אסאך נאך יום טוב פסח ביז איך וועל אנקומען קיין אויטיסוויל...!

אדער אפשר האב איך געטראכט האבן זיי אפגעשטופט דעם גאנצן טראנספער, דאס איז טייל געדאנקען וואס זענען דורכגעלאפן מיין מוח. דאס אלעס האט זיך אנגעהויבן אום 11:00, וואס איך בין געווארן געקייטעלט מיט גאלדענע קייטלען, זיצנדיג אויפ'ן באס מיט אלע מיני חברה. קיינער פון די חברה וואס זענען געווען מיט מיר אויפ'ן באס האבן געשמועסט סיי וואס איבער פסח, זיי האבן ניטאמאל קיין אנונג וואס פסח מיינט. מילא האב איך געמוזט טראכטן פון דאס פאר זיך אליינ'ס אז פסח איז אט אט דא און איך דארף זיך גרייטן דערפאר. איך האב געטראכט און געהאפט אז א יעדער סעקונדע זאל דער ישועה קומען.

איין זאך וואס איך האב געזען איז אז דער קאלל פון דעם "אטורני זשענעראל" איז געווען זייער אומערווארטעט. איך האב געטראכט אז דאס איז א וויץ, ווייל דער אופן וויאזוי ער האט גערעדט איז געווען אויפגערעגט איבער וואס האט פאסירט, און איך האב נישט געוויסט וואס ליגט אונטער דעם. איר וועט זעהן ביים סוף וואס האט באמת פאסירט.

נאך דעם האבן זיי פארמאכט די טירן פון דעם באס און זיי האבן פארטיילט עסן אבער זיי האבן נישט געהאט קיין שום כשר עסנווארג. אויב זאגט מען זיי אז איר קענט נישט נעמען וואס זיי געבן אייך ווערן זיי אויפגערעגט. איז א רעליגיעזער איד דארף נישט עסן דאס עסנווארג, און באמת אין די שווערע צייט קענט איר זיין אגאנצן טאג אן גארנישט עסן. איך ווייס נישט פארוואס דאס איז, און זיי פארשטייען נישט אז א רעליגיעזער איד דארף עסן כשר'ס, און עס איז פיל שווערע ווען א איד איז אין אזא פלאץ ווי דאס. דאס איז איינע פון די פילע ענינים וואס מיר דארפן זיך ספראווען מיט.

דער באס האט פארלאזט דעם לופטפעלד און דערנאך נאך אפשטעלונגען. מיר האבן זיך אפגעשטעלט אין פארשידענע שאפפינג צענטערן פאר די אפיצירן צו עסן, נאכ'ן ווארטן בערך א האלבער שעה זענען צוריק געקומען און מיר זענען ווייטער געפארן און זיך אפגעשטעלט אין **יו.עס.פי לואיסבערג** צו אפלייגן ארעסטאנטן דארטן און מיר האבן געווארט פון 45 מינוט ביז נאך א שעה בערך אין דעם תפיסה.

במשך די גאנצע צייט האט יעדער אויפ'ן באס גערעדט שטותים און הבלים אזוי ווי פראסטע גוים רעדן, און איך האב געדארפט זיך צוהערן צו די אלע זאכן און איך בין געווען צורודערט פון דאס אלעס. איך דארף געדענקן אז איך בין א איד און א סאלדאט פאר השי"ת און זיך אויפפירן לויט די תורה אין יעדן פרט, אפילו אין די צייט זייענדיג דא אין דעם פלאץ געקייטעלט און די גאלדענע קייטן. איך גלייב אז א יעדער מאמענט איז א גרויסער ענין פון כפרת עוונות און בין מכוון אז קיין שום אנדערע איד זאל דאס נישט דורכגיין און דאס טוה איך איצט אויב ח"ו דארף ער דאס טוה איך דאס ערפילן פאר אים.

נאכדעם וואס זיי האבן פארענדיגט יו.עס.פי לואיסבערג זענען מיר געגאנגען צום דעם 'קעמפ' אין לאויסבערג אראפצולאזן אפאר אנדערע חברה. פון דארטן זענען אפגעפארן בערך א שעה און מיר האבן צוריק דערגרייכט דעם עלנוואד קאמפלעקס. כאטש וואס עס איז געווען צוויי באסעס, איינס פון יו.עס.פי. און דאס אנדערער פון

די עף.ס.איי. זענען מיר געגאנגען צו די יו.עס.פי. און מיר וואַרטן דארט פאר זיי אפצולאדענען אלע "פעק" (ארעסטאנטן) בערך א האלבער שעה ביז 45 מינוט זענען מיר געגאנגען צו דעם עף.ס.איי. און אויך געווארט א האלבער שעה אדער מער. ווען מיר קומען צוריק צו דעם "לאו" זענען פארבליבן 8 חברה מיט מיר.

**ענדליך קומען מיר אן צוריק קיין עלנוואוד צום דעם 'לאו'....**

ווי נאר דער באס איז אנגעקומען צום דעם 'לאו' תפיסה אין "עלנוואוד" האט זיך דאס אפגעשטעלט, און די אפיצירן האבן ארומגענומען דעם באס מיט ביקסן און דאן הייבט אן א אפיציר אויסרופן נעמען. דער וועג וויאזוי זיי האבן מיך באהאנדלט איז געווען כאילו איך וואלט קיינמאל בעפאר נישט דארטן געווען, אבער דער אפיציר האט מיך אויסגערופן צום ערשט פאר אלעמען און ווען מען רופט אייך מוזט איר זאגן אייער נומער. דער אפיציר זאגט, **"איך וויס נישט וועמען דו קענסט אבער דו קענסט עמיצער וואס קען מאכן זאכן זיך רוקן די פעולות"...**

איך האב געפרעגט וואס האט פאסירט און ער האט מיר געזאגט **"מיר וועלן רעדן אינעווייניג"**. מיר הייבן אן אריינצוגיין אינעווייניג, זייענדיג זייער שוועך וויל מיר זענען גענצליך געבינדן אין קייטן צום ריכטונג פון זעלבן פלאץ ווי איך האב פארלאזט אינדערפרי. איצט איז 6:00 ביינאכט און מיר שטעלן זיך אלע אויס אים א צימער פאר זיי נעמען אראפ אונזערע קייטן. דאן גייען מיר אריין אין א צימער צו ווערן גערופן.

אזוי ווי איך בין געווען אינעווייניג און זיי האבן אראפגענומען מיינע קייטן האב איך געפרעגט וואס איז געשען מיט'ן טראנספער און אויב דאס איז אפגערופן געווארן און זיי האבן מיר געזאגט ניין. זיי האבן געהאלטן אין איין איבערזאגן אז **"איך וויס נישט וועמען דו קענסט אבער דו קענסט איינעם וואס קען טוען זאכן"... זיי רעדן פון נאך זאכן, איבער דעם אטוירני' זשענעראל,** און נאך זאכן, קראכן וויצן, וכדומה.

## אריינגעכאפט נאך א לינת לילה אין עלנוואוד...

אזויווי זיי האבן מיר געזאגט אז דער טראנספער איז נישט אפגערופן געווארן אלעס איז פיין האב איך באקומען אביסל א גוטער הרגשה. אזוויי זיי האבן אונז אויסגערופן איינס נאכ'ן אנדערן, האבן זיי מיך ווידער גערופן דאס ערשטער פאר אלעמען. ווען צוריקומנדיג ווי אינדערפרי ווען מיר האבן פארלאזט דארפן מיר טוישן אלע פון אונזערע קליידונג. ווען איך האב געפרעגט אויב איך קען צוריק באקומען מיינע קליידונג פון אינדערפרי האבן זיי געזאגט אז איך דארף נישט מיינע קליידונג פון אינדערפרי און איך האב געזען אז זיי האבן א רויטער "קליידער". דאס האב איך פארשטאנען אז איך גיי צום SHU. האב איך געפרעגט, **"גיי איך צום SHU?"**, און ער האט געזאגט **"יא, דו גייסט צו דעם SHU און דאס איז נאר פאר איין נאכט און אינדערפרי וועסטו גיין גראד קיין אויטיסוויל אין א פריוואטער קאר"**, און ווידערמאל האבן זיי זיך אויסגעדרוקט אז זיי ווייסן נישט וועמען איך קען אבער איך מוז קענען עמיצער אין גאר הויכע פלעצער. איך האב געפרעגט פארוואס מוז איך גיין צום SHU פאר די איינע נאכט און ער האט געענטפערט, **"וויל דו ביסט דעזעגנירט קיין עף.סי.איי. אויטיסוויל און די קענסט נישט זיין דא אין דעם קאמפאונד"**. איך האב אים געזאגט אז דאס איז נישט עפעס וואס איך וויל זיך טענה'ן מיר דיר דערוועגן און נעם דאס אן און עס איז דער רצון ה' און דאס איז עס. דאס איז נאך א פולער טאר ארום פארן.

איך האב געמוזט זיך אנקליידן מיט די SHU קליידער. געלויבט השי"ת אז איך האב געהאט מיין טלית ותפילין מיט מיר. איך האב געדארפט ווארטן אפאר מינוט און דאן האבן זיי געליגט קייטלען אויף מיר און מיך געפירט צום SHU ווי א גרויסער רבי' מיט גאלדענע קייטעלעך, האבנדיג צווי גבאים/משמשים אויף מיין רעכטע זייט און לינקע זייט. איך בין אנגעקומען צו דעם SHU און דאס איז א נייער פראצעדור. זיי לייגן אייך אריין אין א שטייג ווי זיי נוצען פאר בעלי חיים זיי איינצושפארן דערין. איך דארף דארטן פארבלייבן נאך 10 ביז 15 מינוט דערנאך קומט אן אנדער אפיציר אייך צושטעלן א צעל.

דאן האבן זיי מיך צוגעפירט צום א צעל און ווי איך בין אנגעקומען בין איך געווען זייער פריילך אז איך האב געדאווענט אינדערפרי וויל זיי דערלויבן נישט מיטצונעמען דעם טלית ותפילין אינעם צעל. איך בין נישט געווען באזארגט איבער'ן פאלגענדן אינדערפרי וויל זיי האבן געזאגט אז איך וועל ארויסגיין גאר פרי. אריינגייענדיג אין צעל האב איך באקומען א זעקל מיט בעטגעוואנט און אנדערע חפצים. איך בין אויך געווען פריילך אז איך בין געווען אליינס אין דעם צעל.

**דערנאך האב איך אנגעהויבן צו קלערן וואס וועט זיין מיט "נעגל וואסער" פאר'ן נאכט. ווי איך האב געפענט דאס זעקל האב געפינען א שיינעם גלעזל און זיי האבן מיר געגעבן כשר'ע עסן אויף א "סטייראפאום טאץ". איך בין געווען פריילך איבער'ן גלעזל און טעצל.**

איך האב געדאווענט מנחה דאן האב געגעסן דאס איז געווען די זעלבע וואס איך פלעג באקומען יעדן טאג. דאן האב איך ערשט זיך געקענט אראפזעצן און אראפשרייבן וויאזוי מיין טאג איז פאריבער, וויל אין דעם זעקל איז געווען א קליינער פענסיל מיט אפאר פאפירן.

איך האב געדאווענט מעריב כאטש איך האב נישט געהאט א זייגער פאר די צייט אבער איך האב געוויסט אז די

צייט וואס זיי רעכענען איז 10 א זייגער, האב איך געוויסט ווען צו דאווענען. נאכדעם האב איך זיך אראפגעלייגט און געהאפט פאר א ישועה יעדער מאמענט.

אזוי ווי איך בין געלעגן אין בעט האב איך געהאט צייט צו טראכטן איבער אלעס וואס האט פאסירט דורכאויס דעם טאג און נישט פארשטאנען וואס האט פאסירט, אבער איך האב געוויסט איין זאך, אז וואס השי"ת טוט ווייסט ער וואס איז דאס בעסטער פאר מיר. איך בין אויפגעשטאנען פארטאגס אינדערפיר נאך 5 אזייגער און פארשטייט זיך אז דער טאג הייבט זיך אן מיט 'מודה אני' און דערנאך האב איך זיך אנגעהויבן צוציגרייטן אויף ווען זיי וועלן מיך רופן צו גיין.

אזוי ווי איך האב זיך צוגעגרייט האב נישט געקלערט אז דאס וועט זיין אזוי שנעל, עס איז געווען בערך 6:15, זענען זיי געקומען קלאפן אויף דעם טיר און גערופן ארויסצושטעקן מיינע הענט אינדערויסן פון טיר אז זי זאלן קענען לייגן קייטן אויף מיר. איינמאל זיי האבן דאס געטוען, איז געווען איין אפיציר וואס האט מיר געזאגט אז ער איז געקומען מיך אפנעמען, **און מיר גייען גראד קיין אויטיסוויל.**

ער האט מיך פרובירט אונטערצואיילן... איך האב אים געפרעגט אויב איך האב צייט צו דאווענען און ער האט מיך געפרעגט וויפול צייט איך דארף און איך האב אים געזאגט וויניגסטענס א 20 מינוט און ער האט מיר געזאגט ניין. האב איך געבעטן 5 מינוט און געקלערט נאר אנצוטאן תפילין לכל הפחות, ער האט געזאגט ניין און ער קען מיר געבן 2 מינוט און דאס איז שוין אסאך. האב איך געזאגט גוט, און זיי האבן מיך אונטערגעאיילט און איך האב גענומען די טלית ותפילין מיט מיר.

אזוי ווי איך בין ארויס פון דעם SHU האבן זיי אראפגענומען די קייטן און מיך צוגעפירט צום R+D. ווידערמאל, האב איך זיך איינגעטוישט אלע מיינע קליידונג. זיי האבן נישט געמאכט קיין פראבלעמען מיט מיין קאפל, ציצית און שיך ב"ה. זיי האבן מיך ארויסגענומען פון בנין און דארטן אינדערויסן האט מיך אפגעווארט א שיינער קאר גרייט מיט אן אנדער אפיציר.

זיי האבן געפענט די טיר און מיר באפוילן זיך ארייינזעצן פון אונטן. איידער איך בין ארויס פון בנין האבן זיי געברויכט זיכער מאכן אז קיינער שטייט נישט ארום דעם בנין ווייל קיין שום אנדערע מענטשן טארן נישט זיין ארום אן ארעסטאנט.

ווען זיי האבן געפענט די טיר האט זיך דארטן אפגעפינען איינע פון די וואויל באקאנטע אפיצירן באוויסט צו זיין זייער סאדיסטיש. און ער האט געפירט זיין "סעקיורטי" טרעקל און אזוי ווי מיר האבן ארויסשפאצירט פון בנין האט ער אונז אפגעשטעלט און אונז באפוילן צוריק צו גיין אין בנין אריין, ער האט מסתמא געוואלט מאכן שוועריגקייטן פאר אונז. אבער נאך אפאר מינוט האט ער געזאגט אז מיר קענען גיין. מיר זענען ארויף צום קאר מיט צוויי אפיצירן צו מיין רעכטס און לינקס.

**וואס האט ווייטער פאסירט ליינט אי"ה קימענדיגע וואך**

## גליון מודה אני

צו באקומען דעם גליון אדער פאר סיי וועלכע הערות
בנוגע דעם גליון שיקט אן אימעיל צו
MoideAniSamet@gmail.com
אדער רופט\טעקסט אויף 845-202-0461

## שיקט א בריוו

שרייבט פאר הר"ר מרדכי יצחק שליט"א אייערע הערות און געדאנקען אויפן גליון, אדער איבער סיי וואס, ער איז זיך מחי' מיט א יעדע בריוו, אימעיל, טעקסט וואס ער באקומט!

**שיקט איהם א בריוו** לדרוש בשלמו

Mordechai Samet
83253-054

נייע אדרעס

FCI Otisville
P.O. Box 1000
Otisville N.Y. 10963

**אימעיל**
mordchasamet@gmail.com

**טעקסט מעסעדש** 718-618-9419

צו טעקסן אדער אימעילן קען מען נאר שרייבן אויף ענגליש און מען קען גארנישט עטעטשן

נ. ב. ווען איר שרייבט א בריוו ביטע זעהט אריין צו לייגן א אימעיל אדרעס , אדער א נומער ווי ר' מרדכי יצחק קען אייך קאנטאקטן דורך טעקסט. צוליב וואס צו שיקן א בריוו פון דארט איז פארבינדן מיט געוויסע שוועריקייטן איז דאס גרינגסטע פאר אים אייך צו באדאנקען און לאזן וויסן אז ער האט דערהאלטן דעם בריוו עלעקטעראניש. (ווען ער וויל שרייבן א בריוו מוז ער באקומען פון זיי א אדרעס ארויסגעפרינט אויף א סטיקער, און דאס איז א גאנצע שפיל ביז מען באקומט דאס פון זיי).

א) עס מוז זיין א ווייסע ענוועלאופ

ב) מען זאל נישט לייגן קיין שום "סטיקער" אויף די ענוועלאופ, נישט אויף די ריטורן אדרעס, און נישט אויף די אדרעס פון די תפיסה

ג) די ריטורן אדרעס מוז זיין קלאר געשריבן

ד) בעסער אז מען שרייבט א ריטורן אדרעס אויפן בריוו, ווייל צומאל עפענען זיי די בריוו, און זיי געבן איהם איבער נאר די בריוו און נישט די ענוועלאופ, אזוי ווייסט מען נישט ווער עס האט דאס געשיקט.




## *הוי זהיר בגחלתן*

**מען טאר נישט מזלזל זיין אין כבוד התורה- אפילו פון די רבנים וואס זענען נישט באהאוונט ווי ווייט עס איז דער סכנה פונעם היינטיגן טעכנעלאגיע.**

איך האב אמאל געהערט פון א גדול אז די וועלט מאכט צווי טעותים, איינ'ס אז "א גדול קען נישט מאכן קיין טעות", און צווייטנס אז "אויב א גדול מאכט א טעות ווערט ער אויס גדול", און ביידע זענען נישט ריכטיג. א גדול קען יא מאכן א טעות, און אויב ער מאכט א טעות ווערט ער נישט דערפאר אויס גדול.

אט דאס איז געזאגט געווארן ווען א גדול איז זיךווירקליך טועה אין א הלכה- אפילו ווען א ת"ח פסק'נט בטעות קעגן א מפורש'ע הלכה, ווערט ער דערפאר נישט 'אויס גדול'. אבער ביי אונז איז דאס בכלל נישט דער מציאות, דעם פראבלעם איז נישט אז די רבנים מאכן ח"ו טעותים אין הלכה, פונקט פארקערט, יעדע רב וועט אייך זייער קלאר זאגן אז:

- ♦ קיין שום איסור דאורייתא ווערט נישט מותר לצורך פרנסה !
- ♦ און אז ראיות אסורות איז פון די הארבסטע איסורי דאורייתא !
- ♦ און אז דער וואס איז מכשיל אנדערע, דער האט א דין מסית ומדיח !

און אזוי ווייטער נאר דער צומישעניש קומט דערפון וואס די רבנים ווערן אפגעהאלטן פון די מינימאלסטע באשטאנדטיילן וואס זיי מוזן האבן צו קענען ארויס געבן אן הוראה לאמיתה של תורה !

**טייל גדולי ישראל ווייסן און פארשטייען מער ווי אנדערע, אויך אין די פריערדיגע דורות איז אזוי געווען.**

אמאל אין די תש"נ יארן האט מיר דער זיידע הגה"ק רבי בנימין זצ"ל געזאגט אז "נאך א נס אז די גזירה פון גיוס בנות איז געווען אין יענע צייט, ווייל חלילה וחס ווען דאס וואלט געווען היינט, דענסמאל רח"ל וויאזוי דאס וואלט זיך אויסגעלאזט...". ער האט דערציילט אז עס איז דעמאלטס געווען א 'גדול', אן אמת'ע גדול בתורה, ממש גאר גרויס- ער איז שוין יעצט פון די שוכני עפר- און יענער גדול האט זיך דאן אויסגעדרוקט אז "ער פאשטייט נישט פארוואס דארף מען פאר די גזירה גיוס בנות איבערדרייען די וועלט, וואס'זשע איז אז מיידלאך וועלן שיילן קארטאפל פאר די מיליטער"? דער גדול האט נישט פארשטאנען דעם הארבקייט פון די גזירה, ער האט נישט געקענט דערהערן אז ס'רעדט זיך נישט דא פון שיילן פאטעיטא"ס, ה"י.

נאר וואס? וויבאלד דעמאלטס איז נאך געווען א דור פון פארצייטישע גדולי ישראל וואס האבן מקיים געווען דעם 'לא תגורו מפני איש' מיט מסירות נפש, און וויבאלד יענער גדול האט געזעהן אז מרנן דער טשעבינער גאון מיטן חזון איש און דער בריסקער רב זצ"ל האבן גע'פסק'נט אז גיוס בנות איז יהרג ואל יעבור, בלויז דעמאלט האט ער זיך 'געבויגן' צו זייער דעת תורה עכל"ק פונעם זיידן זצ"ל.

דאס איז געווען ביי גיוס בני ישיבה איז געווען אסאך שיינע רבנים וואס האבן נישט פארשטאנען דעם הארבקייט פון דער גזירה זיי האבן געזאגט אסאך שענערע אויסריידן ווי

היינטיגע עדיקט"ס געבן אויף דעם אינטערנעט...

דער זיידע זצ"ל פלעגט זיך אויף אזעלכע זאכן אויסדרוקן "ווען נישט דער טיפער פארשטאנד פון די מסירות נפש'דיגע גדולי הדור, וואלט שוין אויף די הייזער פון מאה שערים געוואקסן גראז" ה"י.

## טייל פון די רבנים ווייסן בכלל נישט

טייל פון די רבנים וויסן נישט – זיי האבן נישט קיין השגה און וואס דא האנדלט זיך. יא, עס איז נאָרדא רבנים וואס זיצן א גאנצן טאג על התורה ועבודה און זיי זענען ממש דבוק אין השי"ת, און זיי האבן נישט קיין שום אהנונג איבער וואס ס'טוהט זיך איבער די וועלט – נישט קיין נייעס (זיי האבן נישט קיין השגה וואס דאס איז 'אייסי"ס', זיי וויסן ניטאמאל אז דער אמעריקאנער פרעזידענט איז א שחור א.א.וו.) נישט פון קיין ערפינדונגען, קיינער האט זיי קיינמאל גארנישט דערציילט וויל ס'אינטערסירט זיי איבערהויפט נישט, זיי זענען באמת אויסגעטוהן פון אלע הויות עולם הזה

אט די רבנים ווייסן ב'אמת נישט אין וואס דא האנדלט זיך, זיי פארשטייען נישט וויאזוי קען א ראי' אסורה 'אריינקריכן' צו יענעם אין טעלעפאון? זיי פארשטייען נישט וויאזוי ' קומט אריין' אפיקורסות (ציונות) צו א חסידישן איד אויפן סעלעפאון? לשון הרע, ניבול פה... וואו קומט דאס אהן דארט וואו חסידישע אידן דרייען זיך... ווען מען פרעגט זיי "מעג איך קויפן א סמארטפאון"? איז דאס ביי זיי פונקט ווי מען זאל פרעגן אויב מען מעג רעדן אויף א קארדלע"ס טעלעפאון ...

אט די רבנים אפילו ווען מען זאל זיי יא עפעס דערציילן פון דעם שרעקליכן מצב, וועלן זיי זיך נאכאלץ נישט אריינלאזן זיך אויסצוקענען אין די איינצלהייטן. דער מוח פון די רבנים זענען אזוי איינזייטיג אין יראת שמים, אז זיי קענען זיך נישט פארשטעלן אז די אלע איבלען זענען נישט ווייטער ווי בלויז איין שפאן ארויס פון זייערע ד' אמות ! ביי זיי איז הונדערט פראצענט זיכער אז 'אויב' אזוינס זאל ח"ו זיין, וואלט זיכער געווען שטורמישע פראטעסטן אין די גאסן...!

## טייל פון די רבנים גלייבן נישט

אומשטענדן- זיי האבן שוין יא מער שייכות מיט האט אייביג גט

ווייסן אז "וועמ ס'וויל ווערן א גוי, איז דער סמארטפאון דער ריכטיגער אדרעס", נאר זיי גלייבן נישט די אומשטענדן זיי מיינען אז דאס איז בלויז פאר די וואס באנוצן זיך דערמיט לייכטזיניג.

זיי גלייבן נישט אז נישט יעדער ערליכע איד האט א פילטער אויף זיין סמארטפאון, און אוודאי גלייבן זיי נישט אז ס'דא פון 'אונזערע' אידן וואס גרוילן זיך נישט פון די ערגסטע בילדער, און זיי פארשטייען נישט ווי ווייט דאס רייצט אהן די ווייב און קינדער, און נישט נאר וואס די פרויען אין קינדער באנוצן זיך דערמיט אויך פאר 'נישט ביזנעס', נאר אויך אויף אסאך ערגערס... רח"ל, און אוודאי גלייבן זיי נישט אז טייל פון די טאטעס פון די וואס לערנען צוזאמען מיט זייערע קינדער אין איין חדר קענען זיך נישט אפרייסן דערפון אפילו שבת ויו"ט רח"ל א.א.וו. דעריבער מיינען זיי אז דער סמארטפאון איז בלויז ווי א 'ביזנעס טאָ"ל' (מסחר געצייג ווי צ.ב.ש. א 'קעש רידזשיסטע"ר' וואס אבעלירט בלויז צו די וואס האבן א ריטעי"ל סטא"ר, און איז צום באנוץ בלויז ווען קאסטומערס קומען קויפן).

טייל פון די רבנים וועלן קיינמאל נישט גלייבן אז בשעת מען קען מיטן סמארטפאון מאכן יעדע מינוט 'נאך פרנסה' זאל מען איבערלאזן די פרנסה אויף זיך צו אונטערהאלטן ס'איז דאך 'חסרון כיס'? (מען האט דאך איהם 'געזאגט' אז דער גאנצער ביזנעס איז פולשטענדיג אנגעוואנדן אינעם סמארטפאון- ער מיינט אז אויב דער סמארטפאון זאל זיך ביי דעם ביזנעס מאן צוברעכן, וואלט זיין גאנצע ביזנעס געגאנגען אויף האל"ד (אפשטעל) ביז מען ברענגט א נייע..., אויך ווייסן נישט די רבנים אז די עדיקשא"ן איז אזוי געפערליך, אז נישט נאר אביסל פרנסה געבט מען אוועק דערפאר, נאר מענטשן לאזן חרוב גיין זייער גאנצע ביזנעס זיך שפילנדיג אויפן סמארטפאון).

צו מנדב זיין גליונות רופט:
718.400.1111 ext. 9-1-1
אדער ווארפט אריין אייער בריוו הארציגע
נתינה ביי די השומרים בייטלעך ביי די מנינים

אויב ביסטו מחולק מיט'ן גליון אדער עפעס איז אייך
געבלין אומפארענטפערט ביטע רופט צו השומרים
718-400-1111 ext. 9-2-1
און לאזט א מעסידש

KOSHER 411
845.426.4411

# השמיעני את קולך

געקליבענע אויסצוגן פון טויזענטע צוהערער...

גליון צ"ג-אחרי

בעזהי"ת


## כל היכא דאיכא למיטרח בהתירא טרחנן

א אינגערמאן האט געוואלט באשטעלן א קאר צו דינגען אויף חוהמ"ד פסח, האט ער זיך אביסל נאכגעפרעגט און **יעדער האט אים געזאגט אז מען מוז גיין אנליין** ווייל אזוי קען מען אריינלייגן א דיסקאונט קאוד און ס'איז מורא'דיגע ביליג. אן אנליין גייט עס נישט.

האט דער אינגערמאן אנגערופן דעם קאמפעני און מסביר געווען אז **ער האט נישט קיין צוטריט צום אינטערנעט**, און דעריבער קען ער נישט אליינס ארײנלייגן דעם דיסקאונט - אפשר איז דא א וועג ווי אזוי זיי קענען עפעס ערלעדיגן פאר אים.




האבן זיי געזאגט אז זיי קענען גארנישט טוען, אבער ער קען אנרופן דעם ברענטש אין קווינס פון דעם זעלבע קאמפעני און רעדן צו זיי, זעהן אויב זיי קענען אים העלפן.

האט ער אנגערופן דעם ברענטש אין קווינס, און זיי האבן עס ערלעדיגט פאר אים, און **זיי האבן אפילו געקענט מאכן דעם דיסקאונט אויפן טעלעפאון**. דער איינציגע קאפ-ווײ איז געווען אנצוקומען ביז קווינס מיטן באן אהיימצונעמען דעם קאר.

למעשה האט דער לאקאלע ברענטש אנגערופן דעם אינגערמאן און געזאגט, "מיר זעהן אז דו האט באשטעלט א מיני-ווען פון אונזער קווינס אפטיילונג, און מיר ווייסן אז **וויבאלד דו וואוינסט דא אין ברוקלין איז עס א גאנצע אפקומעניש פאר דיר**. מיר האבן נישט דער קאר וואס איר זוכט דא ביי אונז, אבער מיר **קענען אהערברענגען דיין קאר** וואס דו האסט באשעלט **דא צו אונזער לאקאציע**."

כך הוה, און דער אינגערמאן איז אנגעקומען צום ברוקלין לאקאציע, אפגענומען דעם קאר וואס האט געווארט פאר אים, און נאך געצאלט דעם זעלבע ביליגע פרייז ווי "יעדער".

(מעסעדזש 25216)

## פועל יום אסור בשאלת שלום

איך בין געפארן חוהמ"ד מיט מיינע קינדער אויפן באן, און איך האב באמערקט אז **סיי דעם קאנדאקטער און סיי דעם מענעדזשער** דארט האבן **ביידע געהאט פשוטע פליפ-פאונס**. איך האב זיך זייער געוואונדערט, אבער איך בין געגאנגען ווייטער.

זענען מיר אנגעקומען מיטן באן צום וואסער, וואו מיר האבן געדארפט ווארטן אויפן קומענדיגן שיף, זענען מיר אריינגעגאנגען אין אזא ווארטן-צומער.

**דארט האב איך באמערקט נאך ארבעטער, אלע מיט'ן זעלבע פליפ-פאון.**

איך בין צוגעגאנגען צו איינער פון זיי און געפרעגט, "דו האסט נישט קיין אייפאון?"

האט ער געענטפערט, "זיכער האב איך, אבער **אלע איינגעשטעלטע** אין דער געגנט **באקומען א ספעציעלע פשוטע פליפ-פאון צו נוצן ביים ארבעט**. וויבאלד יעדער ווייסט ווי אזוי **דער סמארטפאון פארשפילט דעם מח**, און מען ווערט אזוי ארײנגעטוען אין דעם אז מען קען נישט קאנצענטרירן אויפן ארבעט."

*הערת המערכת: ס'איז אינטערסאנט צו באמערקן אז* ***אויך אין דעם באוויסטען "קאלאמביע" שפיטאל*** *אין מאנהעטן באקומט יעדע איינגעשטעלט* ***א גע'כשר'טע געפילטערטע סמארטפאון מיט א גרויסע זיגל*** *אז דאס געהערט צום שפיטאל און מען טאר זיך נישט באנוצן מיט קיין שום אנדערע סמארטפאונס ביים ארבעט.*

*ווי אויך דער פירמע UPS...*

(מעסעדזש 25262)

## שאני מינות דמשכי

איך לערן מיט א כתה ז' אינגל און ער האט מיר דערציילט אז ער האט געהערט פון זיין חבר אין קלאס אז צומאל קוקט ער אריין אין זיין טאטע'ס סמארטפאון און עס איז **אזוי ציענדיג און אינטערסאנט** אז **ער קען זיך נישט אוועקרייסן פון דארט**. ס'איז נישט מעגליך אוועקצונעמען די אויגן פון דעם ביז עס ענדיגט זיך...

(מעסעדזש 24538)

## משלט על המח והלב

אן אויסצוג פון א דרשה פון א חשובע בעל דרשן:

"**דער פראבלעם פון טעכנאלאגיע** איז אז **עס קאנטראלירט דעם מח און דער הארץ** - דאס איז דער עיקר פראבלעם. מען רעדט בכלל נישט פון לייגן פילטערס. ב"ה ס'איז געווארן **א פשוטע זאך אז אודאי און אודאי איז עס אסור אן א פילטער**. קיין איין ערליכע איד פאלט נישט איין אז ער קען האבן אינטערנעט אן א פילטער - דאס איז דאך אבזרייהו פון ג' עוונות חמורות. לויטן פסק פון די רבנים איז עס אסור בתכלית האיסור און ס'איז **נישטא קיין שום היתר בעולם פאר דעם**.

אבער ווען מען ניצט עס מיט דעם פילטער, טוט עס נאך אלס קאנטראלירן דעם הארץ און מח פונעם מענטש..."

(מעסעדזש 22375)

## דעם רבין'ס טעלעפאון

איינער האט געכאפט א היטש מיט א איד אן קיין בארד, וואס איז

ווערט א חלק פון טויזענטער אידן וואס זאגן תהלים יומי להצלת כלל ישראל מגזירת הטכנולוגי'

| | יום א' | יום ב' | יום ג' | יום ד' | יום ה' | ער"ש | שב"ק |
|---|---|---|---|---|---|---|---|
| אחרי מות | קטו | קטז | קיז | קיח | קיט | קכ | קכא |
| קדושים | קכב | קכג | קכד | קכה | קכו | קכז | קכח |

געקומען פון טאראנטא קיין ניו יארק מיטצוהאלטן דעם סקולענער **רבי'ס לוי'**. אויפן אנפראגע פארוואס ער איז געקומען פון אזא ווייטע וועג האט ער מסביר געווען אז עטליכע יאר צוריק איז ער געווען ביים רבי'ן זצוקל"ל און דער רבי האט אים אנגעזאגט אז **כאטש ער פירט א גרויסע ביזנעס מיט מערערע איינגעשטעלטע זאל ער נישט האבן קיין סמארטפאון.**

אזוי רעדנדיג האט ער ארויסגענומען א פליפ-פאון און געזאגט, **"דאס איז דעם רבי'ן'ס טעלעפאון."**

(מעסעדזש 2008 ביים נייעס אפטיילונג [2 ← 1])

## אין בו דעת [קטן] הבדלה מנין [אינו מבחין]

איינער האט אמאל פארגעהאלטן ר' שאול יצחק ראבינאוויטש זצ"ל מיט טענות אויף די שומרים קארטלעך - **ס'איז קעגן דרך ארץ** און כיבוד אב ואם וכו'.

האט ר' שאול יצחק געענטפערט, "ניין, דו פארשטייסט נישט גוט. די קארטלעך זענען נישט געמאכט פאר דעם; די גאנצע חוזק מאכן איז נאר פאר סמארטפאון אן פילטערס."

האט יענער פראטעסטירט, **"אבער מיינע קינדער זעהן נישט אויב מיין סמארטפאון האט א פילטער אדער נישט!"**

"זאל דיינע אויערן צוהערן צו וואס דיין מויל רעדט!" האט ר' שאול יצחק אויסגעפירט מיט א שמייכל. וד"ל.

(מעסעדזש 23765)

## אם ברזל הוא מתפוצץ

לעצטנס האט א מוסד מיט קהילות איבער די גאנצע וועלט געמאכט א גרויסע אנליין קאמפיין. **איבער 150,000 מענטשן האבן געקוקט אויפן וועב-זייטל אינעם זעלבע צייט** כדי מיטצוהאלטן "ליווי" דעם קאמפיין, און עס האט געקראכט!

מיר איז פשוט איינגעפלאן צוויי קושיות. ערשטנס, וויפיל פון די מענטשן וואס האבן מיטגעהאלטן דעם קאמפיין אנליין זענען געווען בחורים? און צווייטנס, **וויפיל פון די בחורים האבן אפגעלאזט דעם אינטערנעט** איינמאל דעם קאמפיין האט זיך געשלאסן?

תן לחכם ויחכם עוד...

(מעסעדזש 21081)

## וראיתם אותו... ולא תתורו

מיין חבר האט דערציילט אז ער האט אראפגעלייגט זיין טלית בייטל אין ביהמ"ד און ווען ער איז צוריקגעקומען אביסל שפעטער איז עס מער נישט דארט געווען.

נאך א שטיק צייט איז א סמארטיסט צוגעקומען צו אים, "דא האסטו דיין טלית בייטל. **איך בין געווען פארטופט אין מיין סמארטפאון** און ווען איך בין אהיימגעקומען האב איך באמערקט אז איך האב בטעות גענומען דיינס אנשטאט מיינס. אנטשולדיגט!"

(מעסעדזש 23781)

## קדש עצמך

מתוך דברי הגה"צ ר' ארי' דוד שטיינהארטער שליט"א:

"א איינגערמאן וועט ארויפקומען אויף יענער וועלט, און מען וועט אים זאגן אז **ער האט עובר געווען יעדער רגע פון טאג אויף 'קדושים תהיו'** וויבאלד ער האט געהאט א סמארטפאון, אפילו ער איז קיינמאל נישט נכשל געווארן."

(מעסעדזש 22524)



משה יהודא ליב לנדא

בן תו"ג הגה"ח מוהר"ר יעקב זללה"ה

רב אבד"ק בני-ברק

ב"ה, שבט תשע"ט

סכנת חיים של בנינו ר"ל בעירנו בני ברק !!

נפתחו בעירנו חנויות עם עמדות מחשב שמטרתם לספק שירות לנצרכים לכך, חנויות אלו מכריזות על עצמן ככשרות, למרות שבמצב הנוכחי אחד בידור נראה כי הסינון אינו מספיק ועדיין הפרוץ מרובה על העומד, ואף גורם להתמכרות לאתרים הנקראים "כשרים" [חדשות וכו'].

וכן במצב הנוכחי נוצרה פירצה נוראה שחנויות אלו גורמות למכשול חמור לבני הישיבות בכל הגילאים, שאינם עומדים בנסיון ונכנסים לחנויות הנ"ל במקום מקום לימודם ושוברים את הרגשת הבושה ר"ל ואחריתם מי ישורנה.

בעלי החנויות שמעו שרוצים להביא להם הגבלות בענין, התאספו והחליטו להתאחד ולהתנגד להגבלות כדי להבטיח את הכנסתן בעזרת הצהר ר"ל.

ידעו ההורים והמחנכים, כי חנויות אלו הם בגדר רודפים על בנינו ובנותינו ועל זאת אמרה תורה, כי כאשר יקום איש על רעהו !

כל ההורים והמחנכים חייבים להשגיח על בניהם ובנותיהם שלא יכשלו ח"ו, ולעקוב אחריהם אם אינם נכנסים לחנויות אלו.

אל ישלו ההורים עצמם להאמין בילדיהם וכו', מחובתם לבדוק היכן הולכים הילדים והילדות.

כל היודע על משתתף בחנויות הנ"ל, חייב להודיע להורים ולמחנכים, והמחנכים ישאלו שאלת חכם מה לעשות עם אלו שנכנסו.

ולאברכים וראשי משפחות הנצרכים לשרות המחשב לדברים הכרחיים מאד, ייכנסו רק לחנויות אשר יסכימו להיכנס תחת הכשר ופיקוח מיוחד, אשר יסודר להם.

השי"ת יצילנו מיצר הרע ומכל נסיון ובזיון ויצילנו מכל אויב ואורב ויזכנו לעשות רצונו בלבב שלם ולשמור על קדושת עירנו עיר התורה והחסידות.

משה יהודא ליב לנדא

רב אבד"ק דפה

## קול קורא
## הרב לנדא זצ"ל, שבט תשע"ט

**(איבערגעזעצט אויף אידיש)**

"עס האט זיך געעפנט קיאסק געשעפטן וואס זייער ציל איז צו צושטעלן סערוויס פאר די וואס נויטיגן זיך פאר דעם. די געשעפטן שטעלן זיך ארויס אלס כשר'ע געשעפטן, כאטש נאכן עס נאכגיין שטעלט זיך ארויס די יעצטיגע מצב אז די פילטערס זענען נישט גענוג, ועדיין הפרוץ מרובה על העומד, און עס איז נאך גורם צו ווערן עדיקטעט צו וועב-סייטס וואס רופן זיך כשר'ע [נייעס וכדו'].

עס האט צוגעברענגט א שרעקליכע פירצה אז די געשעפטן זענען גורם א שטארקע שטרויכלונג פאר בחורים אין יעדן יארגאנג, וואס זיי קענען נישט ביישטיין דעם נסיון און גייען אריין אין די געשעפטן אנשטאט אין ישיבה, און ברעכן די בושה געפיל ר"ל, ואחריתם מי ישיבנה.

די געשעפטן האבן געהערט אז מען וויל מאכן באגרעניצונגען אין דעם ענין האבן זיי אפגעמאכט זיך צו צאמנעמען און זיך אנטקעגן שטעלן צו די באגרענעצונג, כדי צו פארזיכערן זייער הכנסה מיט די הילף פון די יצה"ר ר"ל.

**וויסן זאלן די עלטערן און די מחנכים אז די געשעפטן האבן א דין פון רודפים אויף אונזערע זין און טעכטער און אויף דעם זאגט די פסוק "כי כאשר יקום איש על רעהו"!**

אלע עלטערן און מחנכים זענען מחוייב אכטונג צו געבן אויף זייערע זוהן און זייערע טעכטער אז זיי זאלן נישט געשטרויכלט ווערן ח"ו, און נאכקוקן נאך זיי אויב זיי גייען נישט אריין צו אזעלכע געשעפטן.

**די עלטערן זאלן זיך נישט לאזן נער'ן** צו טראסט'ן זייערע קינדער וכו', זייערע חיוב איז נאכצוגיין וואו די יונגעלעך און מיידלעך גייען.

יעדער וואס ווייסט וועגן איינער וואס טוט זיך באנוצן מיט די קאמפיוטערס אין די געשעפטן דארף לאזן וויסן פאר די עלטערן און די מחנכים, און זיי זאלן פרעגן א שאלת חכם וואס צו טוהן.

און די יונגעלייט און די ראשי משפחות וואס דארפן זיך באנוצן מיט קאמפיוטער סערוויס פאר גאר וויכטיגע זאכן **זאלן אריינגיין נאר אין די געשעפטן וואס וועלן אננעמען אויף זיך א באזונדערע הכשר** און אויפזיכט וואס מען וועט מסדר זיין.

השי"ת יצילנו מיצה"ר ומכל נסיון ובזיון ויצילנו מכל אויב ואורב ויזכנו לעשות רצונו בלבב שלום ולשמור על קדושת עירנו עיר התורה והחסידות.

**משה יהודא ליב לנדא**

**רב אב"ד דפה**

---

הגליון הזה נתנדב לע"נ

**הרה"ק מורינו חיים בן הר"ר ארי' לייבוש זצוקללה"ה**

**הדברי חיים מצאנז**

צו מנדב זיין, אדער פאר הערות רופט אריין און דרוקט 3 ← 9 פון די מעי"ן מעני"ו

## וווערט א חלק פון די שמועס!

צו הערן די מעסעדזשעס, און נאך, רופט אריין

718 / 845 **400.1111 ... #3**

צו הערן סיסטעם אנוויזונגען, למשל ווי אזוי אויפצונעמען צו א געוויסע מעסעדזש, דרוק # בשעת'ן אויסהערן א מעסעדזש

צו אראפנעמען אלע גליונות וועכנטליך פון די פעקס-א"ן-דימאנ"ד סיסטעם פאר זיך, אדער כדי צו מאכן קאפי"ס צו אויפהענגען און פארשפרייטן דרוק 9 ← 7 פון די מעין מעניו.

**לאקאלע נומערן:**

קאנאדא: 438-793-5968

ארץ ישראל: 77-224-1111

אירופה: 0330-350-3060

אנטווערפן-בעלגיע: 322-808-7108

פראנקרייך: 33-9-730-5-3366

ארגענטינא: 54-115-128-4658

פעקס-א"ן-דימענ"ד: 845-400-1187

**צו שיקן א פעקס:**

845-517-2660

**צו מנדב זיין דורך א קרעדיט קארד:**

845-999-7969

(מען קען זיך איינשריבן צו מאכן חודש'ליכע פיימענטס)

**צו שיקן אויפן פאסט:**

Hashomrim c/o Sir Meyru

P.O.B. 813, Monsey NY 10952

*For inspiration in English, call the Smart Choices Hotline: 732-400-9003*